STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01072

ALE TOG

Esther Shumiatcher-Hirschbein

*Permanent preservation of this book was made possible
by Carol & Michael G. Reiff
in honor of
Simon & Zoe Reiff*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר שומיאַטשער

אַלע טאָג

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ערד און היים"
ניו-יאָרק, 1939
178

Alle Tog
Copyright 1939 by
Esther Shumiatcher, New York, N. Y.
Printed in U. S. A.

געזעצט און געדרוקט אין
פאַרלאַג „אַטלאַנטיק״ — ניו יאָרק
33 גרענד סטריט

אַלע טאָג

דיינע טריט

איך ליג אין דער נאַכט אַליין,
איך שפיר דיינע טריט איבער מיר.
אָט ווער איך ערד און שטיין,
און וואַקס זיך אַריין אין דיר.

דער טייך טרינקט דעם פאַרנאַכט.
די זון — דאָס געשריי פון דעם אָוונט.
זע, איך האָב געבראַכט
מיין לעבן צו דיר אַזוי נאָענט.

עס האָט דער בוים שוין אָפגעבליט
און געלאָזן די בלעטער פאַלן.
עס וואַרט די ערד אויף אַ נייעם שניט
פון אירע טיפע קוואַלן.

איך צי זיך צו די שטערן ווי אַ גראָז,
איך בין אַ שטראַל פון דיינע שטראַלן.
אָ, אייביקער, ניט פאַרלאָז!
איך בין היינט ביי זיך אַזוי געפאַלן.

די זון האָט אויפגעשיינט פאַר מיר,
ווי אַ מאַמע פאַר איר ערשט געבאָרן,
און זי האָט אויפגעוועקט אין מיר
גלויבן, וואָס איך האָב לאַנג פאַרלאָרן.

איך ליג אין דער נאַכט אַליין,
איך שפיר דיינע טריט איבער מיר.
אָט ווער איך ערד און שטיין,
און וואַקס זיך אַריין אין דיר.

אין גרינע פלאַמען

אין גרינע פלאַמען שרייט דער פרילינג,
אַ ווערבע וויגט זיך אין דער זון און לאַכט,
ערד און הימל זענען היינט פאַרצווילינגט,
מיט רעגן שמעקן די באַקן פון דער נאַכט.

דער טייך ציט אויס זיין האַלדז אַריבער ברעגעס.
אַ הימלדיקע אומרו טראָגט זיך איבערן קאָפּ.
די ערד, אַן אויסגעבאָדענע אין רעגן,
ציט די זון צו זיך אַראָפּ.

די בלויע געגנדז זענען שוין געקומען.
דער ווינט וויגט אין דער זון דאָס גראָז.
דער הימל האַלט די ערד אַרומגענומען,
די געגנדז טוען אַנטקעגן הימל זיך אַ לאָז.

אַ ווייסער קאַרשנבוים געבויגן,
איינגעוואָרצלט שטייט
מיט בליטן אַנטקעגן זון — צעבליטע אויגן —
און איבער אים האָט זיך גאָטס וואָרט געשפּרייט.

אַ פויגל היפּערט אין די צווייגן,
מיט רויטע באַקן וויגט זיך אין דער זון אַ בלומען־שטראָז.
איך שטיי אַ צוגעשמידטע מיט מיין שווייגן,
עס אָטעמט די ערד אין דעם גראָז.

אין דער זון — אַ הייפל זאַמד און ריטער.
פון הינטערן בערגל קוקט אַ האָז.
די ערד וועט זיך נאָכאַמאָל אַוועקגעבן די שניטער,
און אייביק גרין זיין וועט דאָס גראָז.

איך טו אַ פאַל צו דער ערד אַנידער,
איך גיב זיך איר אָפּ ווי אַ קינד.
די ערד הויבט מיך אויף ווידער
מיטן יאָג פונם ווינט.

אַנטקעגן ווינט

איך שטיי ביינאַכט אַנטקעגן ווינט
מיט מיין קראַנקן געשריי.
אָ, נעם מיך אַוועק געשווינט,
און ווי גראָז פאַרזיי!

דער ווינט צעוויגט מיין קאָפּ
און מיין לייב און לעבן.
די לבנה קוקט אַראָפּ,
ווי מיין שאָטן וויגט זיך דערנעבן.

איך נעם זיך צו און וואַקס אַרויס
ביז דער שטילקייט פון די שטערן;
עס פרייט זיך מיט מיר גאָטס הויז,
און אויך די שטיינער הערן.

עס פאַלט אַן עפּל אַראָפּ אין גראָז
מיט רויטער, פולער באַק.
עס פרייט זיך דאָס גראָז,
וואָס דער עפּל שמעקט געשמאַק.

געגאַנגען איז היינט אַ רעגן,
דאָס פעלד איז אָנגעטרונקען זאַט.
דער ווינט טראָגט דעם הימל אַנטקעגן
דאָס גרין פון בלאַט.

די שטערן קוקן אַרונטער —
אַלץ גייט צו שלאָף, צו רו.
גוט איז גאָטס וואונדער,
איך מאַך אויך די אויגן צו.

אויפֿן קראַנקן בעט

בלויער הימל.
דער זומער גייט פֿון בוים צו גרעזל,
רויטע פּאָמידאָרן אין דער זון,
פֿריילעך שפּרינגט אין דער זון אַ העזל.

איך ליג מיט אויגן צוגעמאַכטע שעה נאָך שעה,
אין פֿענצטער קוקט אַריין דער הימל.
— צי ביסטו דאָ, מיין האַרץ, צי ביסטו דאָ ?
און ווידער שווימט אַוועק מיין לעבן אין קראַנקן דרימל.

די טיר איז אָפֿן,
אַ וואָלקן ציט אין הימל בלוי.
אָ, האַרץ מיינס, דו מוזט האָפֿן !
אַ פֿאַרקרימטער אות — מיין מויל.

אַ גרינער ווינט שפּילט מיטן זומער אין די בלעטער.
אַ בין טראָגט איר האָניק מיט אַ זשום.
אַ שטים זאָגט סודותפֿול: נישט וואַרט אויף שפּעטער,
די ערד איז גרייט — קום !

מיין האַרץ קלאַפּט האַסטיק אָפּ, ווי אַ מהומה
וואָלט אָנגעיאָגט מיין בלוט.
איך ליג, אַ שטיק ערד אַ שטומע,
איך בין גרייט צו גיין אָט די מינוט.

אויפגעגראָבן איז די ערד, די זון פֿאַרגייט,
מען טראָגט מיך צו מיין רו.
איך דערפֿיל אין זיך אַן אויפגעבליטע פֿרייד:
איך שפּיר דיך, איך זע, אַז דאָס ביסטו.

איך שפּרייט די הענט און נעם דיך אויף,
ווי טרוקן ערד דעם רעגן.
דו נעמסט אין דיינע הענט מיין גוף
און טראָגסט דער פֿאַרגייענדיקער זון אַנטקעגן.

דיביימער הערן

די ביימער הערן זיך איין,
לבנה — אַ בלויע אויף שניי.
נאַכט,
דו און איך, מיר — צוויי.

דו שטרעקסט אַ האַנט צו די שטערן,
און בינדסט דיין עלנט מיט זיי.
זע, די הימלען הערן,
לבנה, נאַכט — מיר צוויי.

דו זאָגסט: די שטערן קאָנען נאָענט נישט ווערן,
און מענטש מיט מענטש — יאָ.
מיר וואַקסן אַריבער די שטערן,
און זענען אייביק דאָ.

די שנייען האָבן זיך אויסגעצויגן
אַנטקעגן בלויען האָריזאָנט.
אַ ווײַלע, אַ רגע — און דיינע אויגן
ווערן פייערדיק נאָענט.

מיר גייען ווייטער
אויף שנייאיקן וועג שפּאַן־ביי־שפּאַן.
ביי מיין זייט, טראָט־ביי־טראָט, גייט אַ צווייטער —
אין שניי שפּאַנט אַ ווייסער מאַן.

נאַכט. פראָסט. ווינט.
אויפן טייך שלאָפט דער אייז.
ער איז יונג, איז ייִנגל און קינד,
דער קאָפּ — אַ קאָפּ פון אַ גרייז.

אַ שטריק אויף זיין דאַרן גוף,
די פיס אין שניי שלעפּן מיד.
איך הער פון דער נאַכט אַ רוף —
ביים זייט גייט מיט זיין ליד.

ער פאַלט אין שניי אַנידער,
דאָס פּנים אין זיינע הענט:
— איך קום צו אייך, איך בין דאָ ווידער
אין ווייסן פייער צו ווערן פאַרברענט!

די שטערן קוקן צום אבל,
מיט אַ ווייטן עלנט אַראָפּ.
פאַרשרייב איך אויף טאָוול,
ווי צעלויכטן האָט זיך זיין קאָפּ.

שטום מיין צונג

שטום מיין צונג
און בלינד מיין גוף.
קום, מיין ליד,
און בינד מיך אוף.

אין דיין גוף
לבנה־צוויט.
שאַרף דיין רוף
ווי חלף־שניט.

קלאָר ווי שניי
דיין ווייסע רו.
אין דיין ווײ
בין איך דו.

די זון איז אַזוי נידעריק געפאַלן

מײַן לעבן קלאַפּט האַסטיק אָפּ,
ווי אַ שׂרפֿה וואָלט געריסן די שויבן.
אין מהומה צעוויגט זיך מײַן קאָפּ.
האַרץ, צי האָסטו אויפגעהערט גלויבן?

דאָס ברויט, וואָס איך עס, איז שׂנאה.
דאָס וואַסער, וואָס איך טרינק, איז ביטער.
מײַן צער שפּילט אויף טרעפּ פון דער בינע,
און דער תּליון איז דער פאַרשטעלטער היטער.

מיך איז אַזאַ עלנט באַפאַלן,
עס איז ניטאָ פאַר מיר קיין טרייסט.
די זון איז אַזוי נידעריק געפאַלן,
אין פינצטערניש זיך אַליין אויפגעלייזט.

ווײַ איז צו אַן ערד אויף זיבן שלעסער!
ווײַ, פאַר מיר קיין אָרט איז נישט פאַראַנען.
דער עלנט וואַקסט אַלץ גרעסער,
און וואו צו גיין איז נישטאָ פון דאַנען.

עס צעוויגט זיך הויך מײַן לײַב און לעבן:
דער הימל און די ערד, און איך בין דאָ!
איך שטיי אין דער נאַכט אַליין, דער עלנט שטייט דערנעבן.
אוי, טרויעריק איז דער גנאָד פון דער חיי־שעה.

אין חושך פון די לאַנגע נעכט,
בין איך ביי זיך געפאַלן און פאַרשעמט.
היט מיך, גאָט, פון שאַנד צו ווערן קנעכט,
און ווי אַ בעטלער זינגען אין דער פרעמד.

רויטע וואָלקן אין שטורעם — איז מיין גורל,
ווי ערד פאַרלאָזן פון גאָט איז דער פיין.
דאָס האַרץ שרייט הויך אַריבער אַלע שטערן:
איך בין דאָ און אייביק וועל איך זיין!

תהו ובהו

דער אָוונט אויף מיין פענצטער לייגט זיך שווער און מיד.
אַ שלאַכטפעלד איז דער טאָג,
עס וויינט מיין יעדער גליד.
אַן אָנגעקלאָגטע שטיי איך שטום:
אַ פאָלק גייט אָפּ אין בלוט —
און מיר דאָ
גייען אום,
ווי אַלע טעג פון יאָר,
מיט זאָרג.
אַ שווערער לאַסטוואָגן
די וואָר.

אָ, פינצטערניש,
טרעט אָפּ אַ רגע פון מיין שוועל!
דאָס בלוט שרייט פון תהום,
איך וואַרט אויף אַ באַפעל.
נאָר קיינער רירט זיך נישט,
און קיינער גייט.
מיר גרייטן אונדזער עסן צו דער צייט,
און ריידן ווערטער הייליקע
פון קינס רויב
און דאָס געשריי
פון הבלען.

אָ, פינצטערניש,
טרעט אָפּ אַ רגע פון מיין שוועל!
צוקאָפּנס — אַ תליה ברענט,
אַ מאַמע טראָגט איר שגעון פאַר דער גאַס,
עס קלאָגן אין פאַרוויסטונג אירע הענט.

ס׳איז נאַכט.
פינצטערניש אין בלוט.
איך הער דעם אָטעם פון מיין שטאַם:
מיט בלוט פאַרגייט דער טאָג,
און צינדט דעם זאַמד, ווי שׂרפֿות וואָלטן ברענען.
אין דרויסן איז תשרי־גאָלד,
אויף יעדנס פּנים צו דערקענען,
און אויך אַ חושך אין יעדער קלענסטער בריאה.
אין דרויסן איז תשרי־גאָלד
און פינצטערע תהו ובהו.

מיין פאָלק

דאָס האַרץ פון אַ קראַנקן שטערן
ברענג איך דיר היינט.
דיינע אַקסלען וועלן צוקן און הערן
דאָס וואָס איך זאָג דיר היינט.

מיין האַרץ הער איך קלאָגן,
פאַר דיין געוואונדיקט געשטאַלט.
עס איז שווער, שווער צו פאַרטראָגן
די רשעות און גוואַלט.

עס טראָגן זיך פינצטערע ראָבן
מיט שנאָבלען קראַנק פון האַס.
גראָבן אַ גרוב טוען זיי גראָבן
פאַר מיין יידישער גאַס.

ווי אַ מאַמע, א יידישע מאַמע, טו איך קלאָגן.
דאָס האַרץ ווערט פאַרלאָפן פון בלינדן סם.
ווי קאָן איך די זון פאַרטראָגן,
ווען אויסראָט שרעקט מיין שטאַם ?

צעטראָטן גראָז איז דאָס לעבן דאָס שטילע,
אונטערגעשווענקט זענען די וואָרצלען פון מיין בוים.
פון דעם ווײ־געשריי פלעכט מען אַ תפילה
אין היינטיקן סדום.

אונדזער לייב איז אָפן פאַר שרפות,
אונדזערע אויגן — שטומער צוויט.
מיר שפּאַנען דורך האַס און מגפות,
מיט געשריי אין געפייניקטע טריט.

אַנטקעגן יעדער קללה פון שונא
שרייט אונדזער בלוט אין צער.
ווער וועט דאָס לייב אונדזערס שוינען,
ווען עס פּייניקט דער רשע און נאַר ?

אין פּנים פון יעדן איינעם
רויכערט רשעות און גוואַלט.
ניט אויף באַדויערן און וויינען
גייען מיר אויף ווי אַ וואַלד.

וואָרטזאָגער, מענטש און ברודער,
טאַטע פון פרייד און פון פּיין,
צינד דיין האַרץ מיט פייער, מיין ברודער,
און לאָמיר, ווי גראָז, נישט פאַרגיין.

קין, הער

איך פרעג דעם הימל,
איך פרעג דאָס גראָז,
איך פרעג דעם וואָרעם,
איך פרעג דעם האָז:
— וואו טוט מען זיך אַהין מיטן ביסל לעבן?

עס ענטפערט דער הימל,
און עס ענטפערט דאָס גראָז:
— די ערד איז נישט היים,
די ערד איז סדום!

איך פרעג דעם שטיין,
און פרעג ביים שטויב:
— וואו טוט מען זיך אַהין מיט אַזאַ געוויין?
וועמעס גורל איז פינצטערער,
און עלנטער, וועמעס געביין?

איך פרעג דאָס פערד,
און פרעג די קו:
— זאָג מיר, מיין קיעלע, דו,
צי וועסטו מיך נעמען אויף דיינע שפיציקע הערנער
און מיך אַוועקטראָגן וואו?
וואו? וואו? וואו?

ווער וועט מיר אַ פענעץ ערד שענקען,
איך זאָל די שטריקלעך פון מיין וויגל אויפהענגען,
איך זאָל קאָנען פאַרוויגן אבר ביי אבר
אויף קיינעמס ערד מיין ברודערס קבר?

ענטפערט די קו:
— מו, מו, מו...

אין דרויסן איז גאָלד און זון און האָניק, ליבע, האַס און בליי.
ווי שטענדיק גייט דאָס לעבן די טיפסטע תהומען פאַרביי,
אַפילו ווען עס פיבערט דער עשאַפאָט,
און עס וויינט אויף אַ צלם גאָט.
איך עפן מיין האַרץ,
און איך שריי, און איך שריי,
ווי אין עלנט אַ וואָלף מאַכט רויט מיט זיין בלוט דעם שניי.

איך טו זיך אַ כאַפּ מיט אַמאָל —
איך שטיי אויף אַ בערגעלע ערד.
די זון זינקט אַרונטער אין טאָל.
איך הער פון ווינט אין פאַרצווייפלונג אַ קול:

— קין, קין, קין!

עס פּלאָגט מיך שטענדיק דיין טאַט.
צי איז דען דיין בלוט מיט אומגליק ניט זאַט?

— קין, קין, קין!

ווי קאָנסטו טראָגן אַזאַ בלוטיקע לאַסט
אַנטקעגן זיך, אים, מיר, זיי?
די ערד איז פאַראַקערט נאָך אַ גוטן שניט,
און די זון טוט אַפּ אייביק איר אייביק ליד.

— קין, קין, קין!

נאָר זאָגן מוז איך, זאָגן מיט בלוט אויף די ציין:
כאָטש איין מאַמע האָט אונדז געטראָגן אין איר געביין —
איידער עס הויבט דער טאָג אָן צו טאָגן,
מיט דיין שאַנד אויפן קאָפּ טו איך קלאָגן
און איך בעט צו זיין עדות די הימלען:

— איך בין מיד צו טראָגן שטענדיק קריוודעס פון הבלען!

און זאָגן מוז איך, זאָגן מיט בלוט אויף די ציין:
וועסט זיך פאַרגיין אַמאָל אין געוויין —
וועט הימל און ערד ליגן שטום ווי שטיין צו שטיין,
און ווי אַ חיה,
וועט דיין בלוט זיך פאַרגיין
פון איך־סוף ביז איך־סוף אין געוויין...

גאָט

איך גיי דעם הימל אַנטקעגן
און ריר אָן דיין עלנט, גאָט.
דיין לייב איז אין וואונדן געלעגן,
און געוואָרט אויפן עשאַפאָט;

דאָס לייב צעפליקט און פאַרשמיסן
פון אַ צערייצטן קנוט.
דאָס לעבן ליגט צעריסן,
און עס קלאָגט דאָס בלוט.

דער הימל קוקט אַרונטער,
די שטערן אויף זייער אָרט.
און יעדער שטערן באַזונדער
שרייט אַראָפּ זיין הייליק וואָרט.

איך פאַל מיט מיין פּנים צו
אויף עלנט פון דער ערד.
עס קלאָגט אויך גאָט ברוך הוא,
מיין יעדער אבר הערט.

עס ציט זיך ווייט מיין שאָטן,
איך וואַקס ביז די שטערן אויס.
די ערד איז פאַר מיר פאַרבאָטן,
און די וויסט איז לאַנג און גרויס.

אָ, וואָס זאָל איך נאָך זאָגן,
און ביי וועמען זוכן טרייסט?
די מאַמע, וואָס האָט אין טראָגן —
איר בויך זאָל זיין געטרייסט!

דעם הימל אַנטקעגן

אויף טרעפּ פון שפּיטאָל איז געלעגן די זון ווי אַ חלף.
דאָס לעבן מיט מיליאָניקע בליקן האָט געלויערט אַנטקעגן.
פאַר דיר, מיין קינד, איז דאָס לעבן ווי דער אות אלף,
און די ערד — אַ זון מיט אַ רעגן.

איך שטיי אויף די שטיינערנע טרעפּ מיט וואונדער.
אויף מיינע הענט, פון מיין בלוט און ביין אַ גופיקער נס.
איך טראָג דעם הימל אַנטקעגן
אַ לעבן פון פערצן מעת־לעת.

מיין עופהלע ציט די ליפּן צוזאַמען,
ווי ער וואָלט עפּעס מיר וועלן זאָגן.
פאַרגיב, פאַרגיב דיין מאַמען,
אויב דאָס לעבן וועט דיר שווער זיין צו טראָגן.

מיט דיר וועט וואַקסן דער הימל גרעסער,
מיט דיר וועט אויפגיין אַ נייע זון.
דאָס לעבן וועט מוזן זיין בעסער,
מיין פערצן מעת־לעתיקער זון!

מיין עופהלע, ליכט פון מיין באַגינען,
מיין עופהלע, ביין פון מיין ביין;
זאָל סם און האַס אין דיין אויג ניט גרינען,
און זאָלסט פאַרגרינגערן ברודערס געוויין.

דו קומסט פון אַ שטאַם, געיאָגט און גערודפט,
אַנטקעגן אַ וועלט פון רשעות און פּיין.
זאָל לויכטן, זאָל לויכטן דיין יעדער אבר
אין דער וועלט, וואָס איך פיר דיך אַריין.

ווי דער פּאַסטוך עמוס, נאָך ווערמען דו טראָגסט אַ נאָמען,
זאָל זידן דיין בלוט אַנטקעגן רשעות און גוואַלט.
טראָגסט שוין די לאַסט פון דיין פאָלק אויף דיין נאָמען,
מיין עופהלע, פערצן טעג אַלט.

עס רופט שוין די שעפּסן צונויף דיין פּאַסטוכל ברודער,
מיט דורשט און מיט הונגער און מיט עלנט אויף וואָל.
אָ, קינד מיינס פון שטאָטישן מדבר,
צי הערסטו די טרערן פון יענעם פאַרפייניקטן טאָל?

דער טאָג מוז קומען, דער טאָג וועט קומען,
ווען פּאַסטוך מיט פּאַסטוך און מענטש מיט מענטש
וועלן אויסגעלייזט גיין איבער די לעצטע תהומען,
און דו — מיט דעם נייעם, באַפרייטן מענטש!

זאָל אויפגיין אויך דיין יידיש ליד

איך צי זיך, קינד מיינס, מיט דיר צו די הימלען.
איך גיי מיט דיר קעגן וואָלקן און קעגן זון.
אויפן העכסטן טורעם שטיי איך און קוק אַרונטער
אין טיפן טאָל, ווי אַמאָל יהושע בן־נון.

ער איז געשטאַנען אין מדבר,
און, ווי די זון, האָט אים געבלענדט דאָס לאַנד.
דער אויסגעבענקטער חלום פון אַ פאָלק אין מדבר
האָט זיך געלייגט ווי אַ טויאיק רעגן אויף זיין האַנט.

עס שפרייט זיך ניט קיין מדבר־זאַמד פאַר מיינע אויגן.
עס גייט ניט אויף דער אָטעם פון גרינעם גראָז אין טאָל.
איך זע דעם מענטש און זיין שאָטן שטיין געבויגן
אין קעניגרייך פון שטיין און שטאָל.

שטיין און שטאָל און פיבער פון די גופים,
שטיין און שטאָל און פיבער פון די הענט.
איך הער די שטים פון מענטשן רופן
אין די אויפגעטורעמטע און שטרענגע ווענט.

די שטים צעוויגט זיך העכער,
די שטים פון מענטשן אַלערליי,
ווי ווינט אויף טורעמדיקע דעכער
אין זון, אין טוי, אין רעגן און אין שניי.

איך האָב געבראַכט דיך, לעבן מיינס,
אויף הונדערטסטן שטאָק פון מענטשנס אויסגעשריי —
עס זאָל יונג לעבן דיינס
הערן אין ציגל־שטיין דעם מענטשנס וויי.

איך זע אים און זיין חלום שפּאַנען,
מיט זאָרג אויף הענט דורך וואָכעדיקער וואָר.
עס איז אַזאַ אויסגעשריי פֿאַראַנען,
וואָס אייגן בלוט־און־פֿלייש פֿאַרנעמט עס נאָר.

געזאַנג פֿון לייב און טרויער פֿון גלידער,
געוויין פֿון בלוט און געלעכטער פֿון ציין —
יעדער האָט אין עלנט־שטיין פֿאַראייביקט זיינע לידער
אין ניו־יאָרקער היים פֿון בלוט און מענטשלעכן געביין.

איך לאָז מיין חלום מיט די וואָלקן ציען.
פֿון דער טיף שטרעקט זיך צו מיר אַ ברידערלעכע האַנט.
דער מענטש, זיין טאַט, זיין לייב־און־לעבן בליען
אין מיליאָניקער געשטאַלטונג איינגעשפּאַנט.

איך צי זיך מיט דיין לעבן צו די הימלען,
איך הער זיך איין ווי גוף דיינער בליט.
אין ניו־יאָרקער אויסגעשריי פֿון פֿעלקער
זאָל אויפֿגיין אויך דיין יידיש ליד.

מאַמע

איך נעם די פעדער און וויל דיר שרייבן
ווערטער פשוטע — צו אַ מאַמען אַ בריוו.
שטעלן זיך אויס שורות אויף ווייס פאַפּיר,
ווי שורות אין אַ ליד.

דו, וואָס אין בלוט האָסט מיך געבאָרן,
דו, וואָס אין צער האָסט מיך פאַרוויגט —
מיט טוי פון דיין לעבן נעמען זיך קלאָרן
די שורות די אייביקע פון דיין מאַמע־ליד.

פערצן לעבנס פון דיין לייב אויפגעבונדן.
פערצן הימלען האָבן זיך געריסן צו דער ערד.
פאַר פערצן לעבנס ליכט געצונדן,
און פערצן מאָל דיין לעבן אויסגעלערט.

איך זע דיך דורך די נעכטביים לעמפל זיצן,
אין ווינט, אין פראָסט, אין שנייאיקן זאַווייַ,
אין רעגן־נעכט און שניידנדיקע בליצן —
איינשטילן א קינדס געשריי.

פערצן גופימלעך האָסטו געלייגט שלאָפן,
און דו האָסט אויף־און־אָפּ געשפּאַנט מיט זאָרגן אויף דער האַנט.
פאַר יעדן אבר האָסט געהאַט בטחון,
ס'האָט זיי איינגעוויגט דיין וויגנדיקער שאָטן אויף דער וואַנט.

מאַמע, מאַמע, אויסגעליכטיקטע און גרויע,
אויסגעדאַגהטע פאַר עופעלעך אויף ברויט און העמד,
האָסט אויסגעוואָרצלט זיך מיט דרייסיק זומערן געטרייע,
און האָסט געפירט דיין לעבן אויף דער פרעמד.

געטראָגן די פאַרצווייפלונג פון אַ היים אין עלנט און אין טרערן,
ווען בלוי פון חלף האָט די לופט געשניטן;
שרעק און פחד זענען געווען די שטערן,
און איך — מיט מיינע אַכט יאָר אינמיטן.

האָסט אויסגעקוקט די לויפנדיקע באַנען,
מיט שטרעקעס און מיט נעמען אומבאַקאַנט,
מיט אויסגעוויינטע אויגן ביסטו געשטאַנען
אַנטקעגן דעם זיידנס פנים אויף דער וואַנט.

עס ברענען ליכט, דו זעגנסט זיך מיט דיין מאַמען,
און זאָגסט אַ זיי־געזונט צו דיין באַגלויבטן דור.
מיין שאָטן האָט זיך געוויגט מיט צען נאָך צוזאַמען
אין לאַנד פון אַזאַ פאַרווירטער וואָר.

דיין גלות־לייב געטראָגן,
ווי אַ פאַרצווייפלטן געוויין.
עס האָט יעדער טאָג פאַר דיר מיט בלוט גענומען טאָגן,
און יעדע נאַכט אין תהום פאַרגיין.

געבלענדט האָט דיר דאָס ווייס פון די קאַנאַדער שנייען,
דאָס ברויט איז דיר געווען ווי זאַמד אויף ציין.
עס האָבן דיינע וואָרצלען ניט געקאָנט זיך צונעמען, זיך פרייען —
אַ פרעמדע ערד, די פרעמדקייט — דו אַליין.

מאַמע, אויסגעליכטיקטע און גרויע מאַמע,
האָב קיין פאַראיבל וואָס איך ברענג דיך אין מיין ליד,
און גלויבן גלויבסטו דאָך אַוודאי
אין דער מצוה פון אויסזינגען אַ יידיש ליד.

ט אַ ט ע

I

איך זע פֿאַר זיך שטענדיק דאָס בערגל ערד, וואו דו ליגסט,
און דער ווינט, וואָס היט דיין קבר, וועקט מיין שלאָף.
איך לייען דעם בריוו, וואָס דו האָסט מיר געשיקט,
איידער דו האָסט אַוועקגעגעבן דער ערד דיין גוף.

דיין באָרד צעווייעט אין דעם ווינט. דו ביסט געפֿלויגן
פֿון קיסרס גזירות ערגעץ אין אַ העק.
געלאָזן הינטער זיך עלף פֿאָר הונגעריקע אויגן,
דער מאַמעס פּנים — אין ווינט אַ רויטער פֿלעק.

אַ צווייטער גלות האָט שוין געוואַרט מיט אַלעם גרייטן,
מיט עלנט און פּחד און שטומקייט אויף דער צונג.
אַ בראשיתדיקע אומרו האָט זיך גענומען שפּרייטן,
און געווען איז גאָט נאָך זייער יונג.

אויף פֿעלדער שניי האָט זיך געשפּרייט דער צפֿון,
די איינזאַמקייט האָט זיך געטראָגן אויף כוואַליעס פֿון קעלט.
קאַנאַדע, ערד פּאַרווייעטע, און הימל פֿון דיין האָפֿן,
האָט מיט רציחה זיך אַנטקעגן דיר אַוועקגעשטעלט.

די ערד האָט פֿיינט געהאַט אין דיר דעם פֿרעמדן,
און עקשנותדיק פֿאַרביטערט דיינע טעג.
דו, אַ כּהן, פֿון דער היים אַ למדן —
האָסט דאָ אויף ווילדער ערד זיך אויפֿגעוועקט.

די פּרעירי־וועלף האָבן דיין ערשטן פֿערד דעם האַלדז צעריסן,
און געשטילט דעם הונגער זייערן אויף שניי.
עלנט האָט דיך געפּלאָגט ווי אין קאַלטער תּפֿיסה.
די שטערן האָבן געהערט פֿון דיין שאָטן דאָס געשריי.

האָסטו, אַן איינגעוויקלטער אין טלית,
זיך קעגנגעשטעלט דעם ווינט און ווילדע נעכט.
און פאַר דעם גראָשעדיקן דלות
נישט געוואָלט פאַרקויפן זיך ווי אַ קנעכט.

אויף נייער ערד — די אַלטע לאַטע,
וואו „שיני" האָט פאַרביטן „זשיד־כאַלאַמיד".
און אַנגלאָסאַקס האָט נאָכגעהירזשעט דיין בלאָנדזשענדיקע באָרד, מיין
טאַטע —
(ווי באָרד וואָלט זיין דער שאַנד־פלעק פון אַ ייִד).

האָסט זיך גענומען צו מלאכה אויף די הויפן.
שטיינער געשלעפּט און קלעצער אין אַ זעג־מיל.
דעם שבת אָבער נישט געוואָלט פאַר ברויט פאַרקויפן —
זענען דיינע הענט געבליבן שטיל.

ביסט געוואָרן מלמד, און העברעאיש
געטראָגן ווי מדבר־מן פון טיר צו טיר:
אַ בליענדיקער דאָרן אין דיין יאוש,
עס האָט אַ נייער אָנהויב זיך צעבליט אין דיר.

II

איך זיץ ביי דיין בערגל
שעה נאָך שעה.
איך בין אַהיים געקומען, טאַטע,
איך בין דאָ.

איך האָב דיך נישט באַגלייט
צו דיין לעצטער רו.
קאָן זיין, איך האָב זיך גאָר געפרייט,
ווען דו האָסט דיינע אויגן צו.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן,
וואָס דערציילן דיר ?
איך האָב מיין לעבן געטראָגן
קעגן יעדער ערד און טיר,

ווי מען טראָגט אין בלוט
דעם שאָטן פון אַ ליד —
האָב גענומען גוט
דעם צער פון זיין אַ ייד.

האָב געוואָלט אויך זיך
ערגעץ־וואו געפינען
מיט ליים אויף מיינע שיך,
און מיט היץ אין דמיון.

איך מאַך די אויגן צו:
אַ דערמאָנונג. אַ מדינה.
איך טרעף דאָרט גאָט ברוך הוא,
און אויך האַס און שנאה.

איך האַלט אין האַנט דיין בריוו,
וואָס דו האָסט מיר געשריבן.
איך נעם די שנעלסטע שיף
איבער ימען זיבן.

איך טראָג זיך איבער ימען
צו דיין קראַנקן בעט.
איך זאָל, חלילה, נישט פאַרזאַמען
אַ רגע שפּעט.

עס טראָגט מיך אויף די באַן,
אין ווינט זיין הייסע גריווע.
מיין בלוט אין יעדן שפּאַן —
איך געפין די מאַמע זיצן שבעה.

עס ברענען געל די ליכט,
איך פאַל צום דיל אַנידער.
אַ געל פלעמל אויף יעדנס געזיכט —
אין קיטלען — מיינע פיר ברידער.

אַלע קוקן שטום
אויף מיין פאַרוויינטן שאָטן.
מיינע זעקס שוועסטער נעמען מיך אַרום —
דו ליגסט שוין צוויי מעת־לעת פאַרשאָטן.

די ערד טראָגט דיך מיט מער רחמים,
ווי דאָס לעבן האָט פאַר דיר פאַרמאָגט.
און אָט נעמט דער ווינט דיין שטים
און אין אַלע זיבן וועלטן צעטראָגט.

איך ליג אויף דיין בערגל ערד:
איי — לע — ליו — לע — ליו,
דאָס לעבן האָט דיך צעשטערט —
די ערד געגעבן דיר רו.

איך בין צו שפּעט געקומען,
שלום, טאַטע, שלום.
די ערד וועט אויך אַמאָל
צודעקן מיין חלום.

גורל

האָסט מיך באַגלייט ווי אַ פרעמדער און אַ ווייטער,
און מיט פאַרביסענע ליפּן אויף מיין מויל.
מיין בלוט האָט געוועדט — אַ פעלד אַ פאַרזייטס,
מיט צווייט און מיט ליבשאַפט און מיט גרויל.

אין מיין בלוט האָבן זיך זונען איינגעשניטן,
אין דיינע באַקן האָט ליכט געברענט.
איך האָב דיך אַזאַ נאָענטן אויף אַ ווינט פאַרביטן,
און טראָג דיין גורל אויף מיינע הענט.

איבער אונדזערע קעפּ די נאַכט און דער הימל,
צפון און דרום ביי אונדזער זייט.
האַרבסטן מיט רייפע זומערס צום שניידן, —
די רייד פון דער ערד אין איר אייביקייט.

איך האָב זיך געטראָגן ווי אַ ווינט אַ פאַרבענקטער,
דיר זיך איבערגעגעבן ווי רעגן דעם גרונט.
זונען רויטע זענען אויפגעגאַנגען,
און געבויגן די קעפּ אין אַ זיי־געזונט.

איך בויג זיך פאַר דיר ווי גראָז אַנטקעגן שאָטן.
מיר ביידע ווי רודערס אָן אַ שיף אויפן ים —
אויף פרילינג־ערד האָט ווינט צעשאָטן
די זאָמען פון ליבשאַפט און פון סם.

דיין גוף איז קראַנק מיט דורשט פון מדבר,
אין מיינע אויגן — געוויין פון מיין שטאַם.
איך שטרעק אויס מיין לייב פאַר דיין צאָרן,
און קוש דאָס געוויין פון דיין גליאיקן סם.

דיינע ליבסטע יאָרן

שוואַרצע קאַרשן זענען היינט געווען מיר זיס צום גומען —
איך האָב געוואַרט דיין קומען.

עס האָט אויף ים זיך געוואָרפן ווי אין היץ דער שטורעם —
איך האָב דיין בענקעניש דערקענט אין שטומען פורעם.

זאַנגגעץ־זון און זאַנגגעץ־קאָרן — דיינע ליבסטע יאָרן —
אין דיין פּנים בליט מיט מילך אויף שאַרפער דאָרן.

ברויט מיט האָניק פאַר דיין טיש — מיין מאַן און ברודער —
דו, מיין פעלד, דו, מיין רייפער זומער.

וואַסער־פרייד און שלאַקס־רעגן טראָגן וואָלקן —
אין דיין בלוט גייט אויף דער מדבר פונם וייטסטן וואָגל.

נאַכט האָט ווי אַ טונקל־ווייַן אין לייב זיך צעגאָסן —
אין דיינע האָר האָט זיך דער ווינט געפּאָרט — מיין מאַן, מיין חתן.

זומער־לייב — מילגרוים־זאַפט און האָניק —
דו, מיין ליד, און דו, מיין חלום.

הענט פּאַרדאַרטע — וואונדן פון אַן אויסגעבענקטן קומען —
אויף דיינע ליפּן צער פון יום־טוב און פון זונען.

זאַנגגעץ־זון און זאַנגגעץ־קאָרן — דיינע ליבסטע יאָרן —
אין דיין פּנים בליט מיט מילך אויף שאַרפער דאָרן.

ד ו

א

איך בין אין דיר געוואָרצלט,
ווי בלאַט בלי איך פון דיר ארויס,
איך בין דער שאָטן ביי דיין הויז.

שטערן און לייב־געוויין,
די נאַכט רעדט מיט אָפענע אויגן,
אין דיינע ווענט וואַלט מיין האַרץ היינט געפלויגן.

האָגל און גרינער בלאַט,
ווי אַ טראָפּן נאַכט איבערן טונקעלן וואַלד,
איך גיי אויף ווי טוי דורך דיין געשטאַלט.

דער טייך רעדט זיך דורך מיטן ים,
און דער ווינט מיט דער ווייטער לבנה,
איך בין דער שאַרף פון דיין סכנה.

הונגער פון הימלען אין אויגן,
שרעק און געלעכטער פון לייב —
גלוסטונג פון ערד ווי נאָענטע ווייב.

וואָלקן, נאַכט און הימל,
ערד און בלוט זענען וואַך —
די קרוין פון דיין קאָפּ איז מיין דאַך.

ב

ווי אַ וואָלקן איז געשוואָומען דיין ליד.
דיינע אויגן האָבן גערעדט מיט רעגן —
ווי אַ טרוקן פעלד ביסטו געלעגן מיד.

ווי פון אַ ווייטן, פאַרכשופטן טאָל,
האָט צו מיר זיך געצויגן דיין קול —
ווי פון אַ ווייטן, פאַרכשופטן טאָל.

עס האָט דער ווינט בלויז פאַרנומען די רייד,
און פאַרזייט אין אַ טאָל אונדזער פרייד —
עס האָט דער ווינט בלויז פאַרנומען די רייד.

איך האָב זיך פאַר דיר אויפגעלייזט,
ווי אַ בלאַט פאַרן האַריקן פראָסט —
איך האָב זיך פאַר דיר אויפגעלייזט.

האָט ווי ים זיך געוואָרפן דיין צאָרן,
אין דיינע אויגן האָט געברענט אַ דאָרן —
האָט ווי ים זיך געוואָרפן דיין צאָרן.

האָבן זיך פייגל צעוויגט אין אַ קרייז,
און געקושט דעם פאַרנאַכט אויפן אייז —
האָבן זיך פייגל צעוויגט אין אַ קרייז.

ווי ערד טראָג איך אין זיך
די ליבשאַפט פון דיין לייב,
איך בין דיר מער ווי אַ ווייב.

און הייליק אַזוי ווי די ערד,
און צען מאָל הייליק, איך גלויב,
איז אונדזער ווערן שטויב.

געבורט

ניין חדשים

א

עס וואַקסט אַ לעבן אין מיר.
אין מיינע אויגן וואַקסט דער פּחד
פאַר ערד, פאַר מענטש,
פאַר שטומע, הילפלאָזע געוויקסן,
פאַר עלנט פון דעם היימלאָזן
און שגעון פון פאַרברעכער;
פאַר דעם האַרבסטיקן געוויין פון גראָזן
און בלייכן שימער פון לבנה אויף דעכער.

עס וויינט אַ מענטש אין מיר —
איך פאַרבייס די ליפּן,
איך פאַרברעך די הענט אַנטקעגן הימל:
געקרייציקט ברענט אין הייסן וואָלקן
אַ מענטש נאָך פאַר זיין געבוירן.

אַ שיכורע מיט אַ פאַרזויפט פּנים פאַרגייט די זון.
זאָל איך וויינען, לאַכן מיטן פולן האַרצן?
עס וואַרט דאָס היימלאָזע לעבן אויף דיר.
עס וואַרטן תּפיסות, עס וואַרט דער עלנט,
דער גרויל פון תּליון,
דאָס בלוט פון עשאַפאָטן;

דער צער פון בלינדן און פון וואָרעם,
דער הויקער מיט זיין שאָטן.
עס וואַרט דער הונגער מיט זיינע פיבערן,
דער הימל מיט זיין בלוי,
און אַלע תהומעדיקע נידערן.
דאָס שלאַכטהויז,
דער חלף —
און די זיסקייט פון רויז.

און דער סוף פון אַלע סופן:
דאָס אייביקע,
דאָס אומפאַרמיידלעכע, —
דאָס מוזן שטאַרבן.

ב

דיין לעבן שווימט מיטן טייך פון מיין האַרצן.
דיין ליבע איז געמישט מיטן הייסן געוויין פון מיין בלוט.
ליכטיקער מיינער,
בלאָנד־לעבן מיינס ;
זיסער פיין מיינער —
ליד פון מיין בלוט !

פאַר די זינד פון מיין האַרצן,
פאַר מיין צער, בעט איך :
גיס מיך אָן,
צינד מיך אָן,
ווי אַ גרעזעלע גרינס,
ווי אַ טראָפּן רעגן,
ווי אַ וואָלקן איבער אַ טרוקענער ערד —
איך זאָל זיך אָנווערן ווי אַ שטויבעלע לעבן.

די ערד איז היינט וואַך,
עס וויל נישט שלאָפן מיין טרויער.
אַ טויב געוויין
טויכט אויף אין מיר —
אַ הייסע כוואַליע,
געוואָרפן פון אַ שטורעם.
די נאַכט זינקט נידעריק,
דער הימל איז אָן שטערן.
דער ווינט וויגט אַ פאַרשפּעטיקטע זאַנג אין פעלד.
פּחדים, ווי וועלף, לויפן אָן און שטעלן זיך קעגן מיין האַרץ.
עס ברענען שאָטנס,
זיי צעטראָגן, ווי פייגל, מיין אומרו אין נאַכט
איבער קעפּ פון דיביימער.

אין ספקות וואַרפֿט זיך די ערד.
אַ ניט־געזעענער,
אַ דומם־כח
וואַקסט אין מיר.
אָט, הויבט עס מיך איבער פֿינצטערע תהומען,
אַריבער פֿיבערדיקע הימלען —
ווי שטויב,
ווי גראָז,
ווי בלײַענדיקער קלעווער
פֿלאַנץ איך זיך איבער,
און איך וואַקס אַלץ און אַלעמען אַריבער.
און מיטאַמאָל —
עס שליידערט מיך צוריק אַראָפּ אין די תהומען,
און פֿינצטערע וואַסערן
דעקן צו מײַן קאָפּ.

ג

עס שווימט די וועלט אין דיין דמיון,
די ליכטיקע זון קוקט צו דיר בלינד.
זי גייט אויף אין דרימל יעדן פרימאָרגן,
און פאַרנעמט מיט זיך דעם גרינעם טאָגביים פאַרגיין.

עס רעדט די ערד.
איך לייג מיך ביי איר צופוסן.
אַ זעמדעלע גראָבט זיך איין אין מיין לייב.
עס רעדט מיט מאָך —
און מיט עלנט פון שטיין,
מיט לייב,
מיט בלוט
און מיט ביין.

נעמסט צונויף די הענטלעך,
ווי אַ פלאַנץ קעגן הימל,
פאַרוויגסט דיין האַרץ מיט מיין געוויין.
איך גיב דיר זון, רעגן,
גערויש פון די זאַנגען אין טאָל,
ווינט,
און אַ לייב
בויגיק ווי שטאָל.

עס,
טרינק,
וואַקס !
גיס זיך אָן מיט לעבן.
דיינע ציינדלעך
זאָלן זיין שאַרף, פלינק,
זאָלסט קענען איינבייסן דאָס האַרטע לעבן.

דיר איז ענג,
ווילסט דיינע פיסלעך צענעמען —
פויקסטו
אין די ווענט פון מיין לייב!
דו צעפּירסט די הענטלעך
און נעמסט אַרום די ערד.

איך לייג מיין קאָפּ אויפן פייכטן גראָז.
איך לאָז:
די נאַכט,
דער הימל,
די שטערן
זאָלן שווימען מיטן שטראָם פון מיין בלוט.

איך ליג אויף מיין רוקן —
עס רירט זיך אין מיר די גאַנצע ערד.

ד

איך צייל די נעכט, איך צייל די טעג, איך צייל די שטונדן —
אויף טויט און לעבן ביסטו צו מיין לייב געבונדן.

פאַרגאַנגען אין מיין בלוט איז די ערד אין טראָגן —
איך שפּיר, איך הער דיין וואָרצלדיקן כח שלאָגן.

עס האָבן הימל און ערד זיך אָנגערירט, באַגעגנט,
און אויסגעחלומט וואָלקנדלעך, אַ רעגנבויגן און אַ רעגן.

אַ ווינט האָט זיך צעוויגט איבער אַלע צווייגן,
און פאַרמאָסטן אין העלן טאָג צו דער לבנה זיך דערקלייבן.

עס וואַקסט מיין זאָרג מיט דיין יעדן ריר, מיט דיין יעדן רודער:
מען האָט געשמיסן היינט, פאַרפּייניקט אַ מענטש, דיין ברודער.

פאַר יעדן בערגל ערד, פאַרן יינגסטן גראָז איך פאַל אַנידער;
איך פאַרברעך מיין האַרץ אַנטקעגן די תהומעדיקע נידערן.

דיין לעבן וואַקסט אין מיר ווי אין מיין בלוט מיינע אויסגעוויינטע לידער;
אין פחדימדיקע אַנגסטן קוועלן אָן אין טראָגן מיינע גלידער.

צי וועל איך קאָנען ענטפערן דיר אויף אַלע פינצטערע גרוילן,
איך קאָן אַליין נישט ענטפערן זיך, אַ מאַמע פון אַ דור אַ נאַקעטן, אַ הוילן.

איך טראָג דיך, ווי עס טראָגט די ערד אַנטקעגן הימל אירע זאָרגן.
אוי, זאָל נישט זיין, אַז איך טראָג דער פינצטערניש אַ קרבן!

ה

אַז איך טראַכט פון דיין לעבן,
ווײַנט מיין בלוט, מיין האַרץ, ווײַנט מיין שכל אין מיר.
דאָס לעבן איז איינזאַם,
און איינזאַמער נאָך פון אַלע חיות און פלאַנצן —
דער מענטש.

עס פאַרגייט ווי אַ ניגון מיין האַרץ.
איך בעט מחילה ביי דיר און ביי לייט.
אויף פלייטן שפּילט היינט דער ווינט,
עס וואַרפט זיך פאַרצווייפלט די ערד,
און דער הימל שלאָגט מיט דונערן.
אַ בליץ, ווי אַ פייערדיקע שווערד,
שניידט אויף די ערד ווי אַן עפּל.
מיט שטורם איז פול דיין געביין.
ווי אין אַ פויק הילכן אָפּ דיינע קלעפּ —
עס וואַרפט זיך אין אַנגסטן דיין קעפּל.

איך ליג אויף מיין רוקן,
איך טראַכט,
ווי זאָל איך דיך רופן:
נחמן,
שמחה,
צי בער?
צי זאָל איך צוגרייטן פאַר דיר
אַ שניידערישע שער,
דעם קאָוואַלס פאַרטעך פון לעדער,
די שוסטערישע אָל,
צי די פעדער?

און אפשר גאָר
אַ פּאָר שטיוול מיט כאָלעוועס ביז צו די קני —
פון פּאַר־פּרי
וועסטו טרעטן אין פייכטן טאָרף,
און האָדעווען די ערד,
דער מאָך וועט קילן מיט גרין דיינע אויגן.

ווי אַ רעגנבויגן
גייט אויף דיין לעבן אין מיר!

ז

אַז דו ריעדסט נישט צו מיר אַ טאָג,
וואַרפט זיך מיין האַרץ:
אפשר האָט מיינע אַ פינצטערע מחשבה דיך פאַרשעמט?
אפשר האָט מיין צונג געזינדיקט אַנטקעגן דיין קומען?
צי האָסטו דעם צער פון מיין האַרצן פאַרנומען,
און די היימלאָזע פרייד פון מיין וואַנדער געטרונקען?
וואָס פייניקסטו מיך מיט דיין שטומען?

אין צווייפל שרייט מיין בלוט.

ז

איך גיי מיט דעם וועג,
ביים האַנט מיט דעם זומער.
מיין האַרץ דיר צוקאָפּנס;
שאָטן פון בוים אין די אויגן.
דער ווינט וויגט דיין האַרץ אויף אַ צווייג.
עס פאַלן עפּל פון בוים;
עס שמעקט שוין מיט רעגן די נאַכט,
דער האַרבסט שטייט אַן אָנגעצונדענער,
די גרילן שפּילן אויס זייער לעצט ליד פון זומער.
אַ בוים צינדט זיך אָן
מיט אַ גאָלדענעם פּנים
קעגן האַרבסטיקן הימל.

ח

נאַכט.
ביסט וואַך.
גלי־ווערים צינדן די נאַכט,
די שאָטנס פוןביימער ציען זיך אויס ביז צו די שטערן.
איך, נאַרישער מענטש,
פאַרגיס היינט טרערן.

אַ זינד איז צו טראַכטן היינט וועגן גליק,
אַ חרפה שטיקט מיך אַרום האַרצן,
און קאָפּ מיינער צעוויגט זיך אין דעם ווינט,
און פיס מיינע ווילן לויפן, האַסטיק טרעטן,
און אויסוויינען דאָס האַרץ אַנטקעגן ווינט.

ט

איך גיי מיט דיר,
איך טראָג דיך אונטערן האַרצן.

עס איז ערשטער מאַי,
עס רעדט דער טאָג מיט בלוט אויף פאָנען,
מיט אויסגעשריי פון אַ צעפּלאָגטן קלאַס;
מיט ציין פון באַליידיקט בלוט,
מיט טרויער,
מיט ליבע
און מיט האַס.

אָרקעסטערן קומען אָן,
אָרקעסטערן גייען —
איך גיי נישט אַליין,
איך גיי מיט דיר,
איך גיי אין צווייען.

עס פרייען זיך היינט
די פּשוטע,
די מידע,
די, וואָס לעבן אין פינצטער,
די אויסגעדאַרטע לעבנס,
די, וואָס טראָגן די זאָרגן
אין די ציין,
ווי קעץ
זייער קליינוואַרג.

ניט שטורך, נישט קלאַפּ, נישט בייזער זיך —
ציִ אויס די הענטלעך,
נעם אַרום די מאַרשירנדיקע קעפּ,
אָט, זע:
עס לויפֿן דיינע פּיסלעך איבער ברוק,
עס רייט אַנטקעגן דיר אַ מענטש מיט בלוט אין די אויגן,
מיט פּאַנצער און מיט בליי —
מיין האַרץ קלאַפּט האַסטיק אָפּ:
איינס,
צוויי,
דריי —
אַ וויי־געשריי שניידט דורך מיין אינגעווייד.

איך הויב אויף דיין האַרץ צו די פּאַנעז.
זיי וואָרנען,
זיי מאָנען.
איך טראָג דיין האַרץ
אַ צושטייער
דעם באַרוועסן לעבן.

אָרקעסטערן קומען אָן,
אָרקעסטערן גייען.
איך גיי נישט אַליין,
איך גיי מיט דיר,
איך גיי אין צווייען.

י

איך וואַקס,
עקשנותדיק הויבט זיך מיין בערגעלע לעבן.
איבער מיין קאָפּ לאַכט הויך דער הימל.

אין מיין בלוט
שרייט דאָס באָרוועסע לעבן,
צעטאַנצט זיך אין מיר דער עלנט.

איך פאַל צו צום שטויב,
איך זוך אַ טרייסט ביים וואָרעם.

דער הימל ציט זיך גרוי און אַשיק.
אין מיין בלוט צעהוידעט זיך אַ גלאָק.
איך פאַרנעם:
מהומה,
גרויל,
און אומגליק.
עס יובעלט דער המון
מיט פינצטערניש אין אַלע גלידער.
מיין האַרץ הויבט האַסטיק אָן צו קלאַפּן.
מיינע פיס בלייבן שטיין.
אין קייטן פירט מען
דאָס פאַרוויאַנעטע לעבן פון דער נידער:
די נויט,
דעם עלנט —
אין קאַמף
פאַר פרייד,
פאַר ברויט,
פאַר ברודער־ליבע.

עס יובעלט דער המון,
עס רעווועט די שנאה.
די האַק איז שאַרף,
דער קלאָץ איז שטום —
מען פירט אַ יונגלינג צו דער גילאָטינע!

די זון, אַ רויטע, האָט זיך אַ וויג געטאָן,
אַ שאָטן האָט זיך איינגעבויגן,
קוים אָנגערירט דעם שטיינערדיקן שליאַך,
טרויעריק געקוקט מיר אין די אויגן,
און זיך ווילד צעלאַכט.

אַזאַ שגעון איז מיך היינט באַפאַלן.
מיינע אַלע חושים שרייען בלינד:
אַ שלאַכטפעלד
וואַרט אויף דיר,
יונג־לעבן מיינס!
אַ תפיסה־וואַנט,
אַ ברענענדיקע תליה,
שאַנד
און שפּאָט;
דער גרויל
פון לינטש,
די אימה
פון עשאַפאָט.

און טרויעריקער נאָך:
האַנדל
מיט ברויט,
מיט ליבע
און
מיט גאָט.

יא

איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
וואָס קלאַפּסטו אַזוי מיט אימפּעט, דו ?

אַ פאַלק אַן עקשן וואַרט אויף דיר.
מאַמע־יידיש ביי דיין טיר !

מאַמע־יידיש ביי דיין וויג,
און אַ באָרוועס ווייסע ציג

ליגט צוקאָפּנס, אויגן צו.
איי־לע־ליו־לע־ליו.

זינג איך, זינג איך באָבעס ליד,
און דיך שלעפערט אַלץ נאָך ניט.

דער שבת קודש גייט אַוועק ;
פון וואָך קומען אָן די זיבן טעג.

און ביים הבדלה־שיין
לויכט פון ראָזשינקעס דער וויין.

ציילט דער טאַטע זיין פאַרמעג
אויף די וואָכעדיקע טעג :

גרעשעלעך און בעבעלעך,
און אַ לאָך אין סאַמע דאַך ;

אַ ציג, אַ באָק, אַ האַק, אַ לאָם,
און אַ צעריבטע קראָם.

איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
איך, דיין מאַמע, זינג דיר צו :

פּאַקט דער טאַטע איין זיין זאַק,
נעמט אין וועג זיין אָרעם פּאַק.

ווייט איז ער אַוועק פון הי,
זוכן רו און ברויט און מי.

וואַנדערט ער וועלט איין, וועלט אויס,
זוכט אַ טיר ווי זי איז גרויס.

איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
איך, דיין מאַמע, זינג דיר צו:

אויף וואַסערן ביטערע פון ים,
היימלאָז ציט דיין שטאַם.

און אויף באָרוועס פון דער גאַס,
און אין פייערן פון האַס —

וועסטו וואַקסן מיט דיין ליד,
זון און גלויבן אין יעדן גליד.

איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
איך, דיין מאַמע, זינג דיר צו:

דו — דו — דו — דו,
איי־לע־ליו־ליו, איילעליו.

ג ע ב ו ר ט

א

איך פאָר אַנטקעגן הימל און אַנטקעגן שטערן,
מיין לייב איז פול יסורים, און מיט טרערן.
איך האַלט די ציין פאַרקלעמט,
און ריר קוים מיט די ליפּן —
עס צעפּאָרן זיך אין ווייטיקן די ריפּן.
עס יום־טובט הויך מיין בלוט;
מיין האַרץ קלאַפּט ביז צו די שטערן:
איך דאַרף אַ מאַמע ווערן.

ב

דער הימל יאָגט מיך נאָך.
איבערן קאָפּ צעלויפן זיך די שטערן.
אַ ווייטיק טרייסלט מיט שאַרפע שפּיזן מיינע גלידער.
אַ שטערן האָט זיך אָפּגעריסן, שרייבט מיט פייער איבערן הימל.
עס קומט אָן שטויס נאָך שטויס, ווי פלאַמען איבערן רוקן.
איך האַלט דאָס לעבן אין מיין האַנט, קאָרטשע זיך צוזאַמען.
טויזנט־אויגיק ווערט מיין לייב, און אַלע גלידער מיט פיבער קוקן.
די ערד צעוויגט זיך, און אויך מיין לייב־און־לעבן.
ווי אין ערד־ציטערניש שליידערן די גלידער.
עס איז ג׳ חשוון, תרצ״ה.

ג

מיר גייען דאָך אַלע אַהין —
וואוהין? — קלאַפּט דאָס האַרץ — וואוהין?

אויף די קאָרענע פעלדער פון גליק,
צי אויף דער תליה פון שטריק?

עס קלאַפּט, ווי מיין האַרץ, די ערד,
וואָס ווערט פון בלוט גענערט.

מיין גוף, געבונדן אין שטריק,
ווייגט פאַרפייניקט אַרויס פון מיין בליק.

איך ליג אויף אַ יסורים־בעט —
איך הער פון דער טיף אַ געבעט:

„איך שטיי ביי דיין זייט, מיין קינד,
נעם צונויף דיינע כחות געשווינד!

אָט באַלד וועט זיך עפענען דיין מוטער־טראַכט
און וועט דיך דערלייזן פון דער פאַרפייניקטער נאַכט.

ס'איז די באָבע מיכלע דאָ,
אין אַ ליכטיקער, ליכטיקער שעה:

זי שטייט ביי דיין קאָפּ מיט איר צער,
און צעטרייבט מיט איר גנאָד די געפאַר.

זי איז געקומען פון אַ ווייטן וועג
מיט איר דורותדיקן פאַרמעג:

דער מלאך מיכאל ביי דיין רעכטער זייט,
און דער מלאך גבריאל ביי דיין לינקער זייט;

זיי ברענגען די בשורה פון ים צו ים,
אַז ניט פאַרגיין וועט דיין שטאַם.

מיר זאָל זיין פאַר דיין צער;
איך נעם אויף זיך דעם האַרבסטן גזר.

מיין גוף וועט מעסטן די הייליקע ערד,
מיין לעבן — אַ צוויי־שאַרפיקע שווערד.

ערד און הימל מישן זיך אויס,
עס רייסט זיך דאָס לעבן פון דער ערד אַרויס...

ד

בלוט שרייט אַראָפּ פון ווייסע טישן,
די האָר פּייכט, די ציין מיט נאַכט.
אין טויט־יסורים נעמען זיך מישן
הימל און ערד און לייב אין מיין טראַכט.

עס שרייט דאָס לייב אונטערן מעסער,
דאָס בלוט מאָנט פאַרעקשנט און רויט.
ווי אַ פאַרמשפּטער הינטער שלעסער,
וואַרפט זיך דאָס לייב אַנטקעגן טויט.

אַ האַנט רירט אָן מיין שטערן.
מיינע הענט מען בינדט.
עס דאַרף מיין לייב געבערן ;
מיין לעבן — אַ שרפה אין ווינט.

איך הער עמיצן וויינען.
פאַר מיינע אויגן אַלץ פאַרשווינדט.
איך הער מיין באָבען לייענען
די צאינה וראינה אין ווינט.

איך רייס זיך אַנטקעגן רעגן,
איך שלאָג מיין לעבן אין שטומן שטיין.
אליהו קומט מיר אַנטקעגן,
און מיט אַ שמייכל נעמט אויף מיין געוויין.

ער צעפּירט זיינע הענט אין רעגן,
און פאַרשפּיצט זיין בלויען קאָפּ.
זיינע ליפּן פרעגן, פרעגן,
נאָר דער רעגן וואַשט אַלץ אָפּ.

אין זיין האַנט אַ גן־עדן־עפּל;
ער צעטרייבט די וואָלקן מיט זיין גנאָד.
ער טראָגט צו מיין מויל דעם עפּל,
און אין זיין אויג איז די רו פון גאָט.

איך ליג מיט געקלעמטע גלידער
אויף ווייסן טיש אויסגעשטרעקט.
מיין פאַרשלעפּערטער גוף דער מידער,
ווערט פון טויזנט מעסערס געוועקט.

אַ שאַרפער געזאַנג פאַרוויגט מיך.
די יסורים הויבן מיך אַרויף, אַרויף —
אַ געוויין פון אַ קינד צעטראָגט זיך,
און בינדט הימל מיט ערד צונויף.

ה

עס איז דורכזיכטיק דער טאָג און ליכטיק־גרינג.
מיין לעבן העלט אויף, און איך זינג.

עס גייען אויף די פעלדער, עס רעדט דער שטיין —
איך הער מיין קינדס געבאָרענעם געוויין.

די זון קומט אָן מיט פולע עמער גאָלד;
און פאַר מיין צער מיט פרייד באַצאָלט.

איך קוש מיין קינדס געוויין און מאַך די אויגן צו:
איך — מיט דער אייביקייט אין רו.

ו

עס איז חשוון אויף דער ערד, דער עפּל פֿאַלט פֿון בוים.
צוויי מעת־לעת מײַן קינד איז שוין.

די פֿעלדער רוען אונטערן הימל אָפּגעבליט.
מײַן קינד צום ליכט די הענטלעך ציט.

די ערד איז פֿול מיט רחמים און מיט גנאָד.
איך הער, ווי לעבן מײַנס רעדט זיך דורך מיט גאָט.

איך מאַך די אויגן צו, איך זע די וועלט — זי שפּאַנט,
איך נעם מײַן ייִנגסטן לעבן בײַ דער האַנט.

איך גיי מיט אים אַנטקעגן יום־טוב און אַנטקעגן וואָך,
איך בוק זיך צו דער זון און צו דער ערד דערנאָך.

איך גיי מיט אים אַנטקעגן כוואַליעס פֿון דעם ים,
וואָס שלאָגט מיט דויער פֿון מײַן שטאַם.

עלטער־זיידעס קומען פֿון דער טיף אַרויס,
מיט יראה אויף די הענט, זייער פּײַן פֿאַראויס.

עס שפּאַנט דער מדבר מיט דעם גרייז אברהם,
און שרהס טרערן טויכן אויף פֿון תהום, —

ער פֿירט צו דער עקדה יצחקן זײַן בכור,
אויסמעקן זײַן אויסגעוויינטן דור.

עס האָט דער מדבר געטרונקען די טרערן פון אַ פרוי —
עס איז געווען, און אייביק וועט עס זיין אַזוי.

עס גייען אויף די פרויען פון מיין שטאַם:
ברענענדיקע ליכט אין זייער דורותדיקן פלאַם.

זיי קומען צו מיין בעט מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
אין יעדערנס געשטאַלט האָב איך זיך דערקענט.

מיין קינד כאַפּט זיך אויף פון טיפן דרימל —
איך קוש די ערד און נעם אַרום מיין הימל.

שפּיטאָל איז היינט פול מיט לידער.
ווי דער פרילינג אויפן טייך — דאָס לעבן רוישט,
עס זינגט דאָס בלוט אין נאָר־וואָס געבוירענע גלידער —
אַ בשורה אַ ליכטיקע ברויזט.

מיט בושה גליט מיין ניי־געבוירענע שמחה.
אַ, מיין יונגע, מיין יונגע פרייד —
די נייע ערד און דער נייער הימל
אין בלוט און ביין אָנגעקליידט.

נאָר מיין פענצטער האָט זיך צעבליט
אויף יענער זייט שויב דאָס לעבן.
דער האַרבסט שרייט מיט זיין ליד,
און מיין יונגער פרילינג דערנעבן.

איך בין היינט אַ מאַמע געוואָרן
צו אַ בלאָנדן בכור.
איך האָב אַ לעבן געבאָרן
אין חלום און אויף דער וואָר.

אין גאָלד פון אָקטאָבער־פייער
ליגט דאָס פעלד געשאָרן,
זון מיינער, בלאָנדער פייער,
נס פון לייב געבאָרן!

שפּיטאָל

צו שפּעט

די גרויע ווענט פון שפּיטאָל שלאָפן.
דער זייגער שלאָגט דריי, די נאַכט איז וואַך.
איך שלאָף מיט אויגן האַלב אָפן —
איך הער, ווי עס רעדט דער קראַנקער דאַך.

רייד פון אויג און ליפּ,
רייד פון בלוט און אָדערן.
עס קריגט זיך ריפּ מיט ריפּ
אין לייב פון דעם פאַרלאָרענעם.

ליכטיקט אויף אַ גוף
אין אָפּגעבערענטן צער,
און דו הערסט אַ רוף,
אַז לייב איז צום געווער.

עס וואַרט אַן אייזערן בעט
אויפנעמען אַ גאַסט.
עס איז אַ ווייל צו שפּעט:
ער איז מיט טויט פאַרקנסט.

עס וויגט זיך דער מענטש ווי אַ בריק
אין דעם גאָלדענעם דאָ.
ציגעלע־מיגעלע־מיג —
און עס איז די לעצטע שעה.

איך בין אויך פון שגעון אַ גליד

די שפּיטאָל ווענט זענען פול מיט מרה שחורה.
דאָס לעבן האָט אויסגעזונגען דאָס לעצטע ליד.
עס רייסט אויף זיך די הויט דער מצורע,
איך בין אויך פון שגעון אַ גליד.

איך הער אַ געוויין אויף אַ מאַמעס הענט.
יסורים־געשרייען אויף ליפּן.
פאַרגליווערטער פּיין אויף שפּיטאָל־ווענט —
איך הער דאָס לעבן כליפּען.

ווער כליפּעט עס דאָרטן אין קישן ?
אַ מאַמע ביי איר טויט קינד.
עס ליגט אַ לעבן צעריסן,
און הימל און ערד זענען בלינד.

איך ליג צווישן וואָר און חלום
די נאַכט ציט זיך לאַנג און בלינד.
עס כליפּעט, עס כליפּעט דער חלום
אין נאַר־וואָס געבאָרענעם קינד.

אַ מענטש שטאַרבט

ליגט אַ מענטש מיט שלאַפקייט אין גלידער
און וואַרפט אין פאַרצווייפלונג די הענט.
עס שטייען פאַר זיין בעט זיבן לייבלעכע ברידער —
זייערע שאָטנס וויגן זיך אויף די ווענט.

ער וואַרפט זיך און כליפעט ביטער,
און בעט מחילה ביי די שאָטנס אויף די ווענט:
זיין אָרעם לעבן שענקט ער
די לייבלעכע זיבן פאָר הענט.

אָבער לעבן וויל ער, שרייט ער —
ער וויל ווי גראָז ניט פאַרגיין.
דער האַרבסט־ווינט טראָגט די בלעטער
געמישט מיט זיין געוויין.

ער שטרעקט אויס זיין קראַנקן גוף,
ווי ער וואָלט עמיצן אויפנעמען וועלן.
ער הערט זיין מאַמעס רוף
און דער מאַמעס צופרידן קוועלן.

ער היפערט ווי אַ האָז
און טענצלט פריילעך אונטער.
דער ווינט רעדט מיט דעם גראָז,
און דער הימל קוקט אַרונטער.

ער הויבט זיך אויף אַלע פיר
און בויגט זיך אויס ווי אַ רעגנבויגן.
די מאַמע באַווייזט זיך אין טיר
מיט זיבן זונען אין די אויגן.

זי שפּרייט אירע מאַמעשע הענט
און בעט, ער זאָל מאַכן אַ טראָט.
עס האָט דאָס לעבן איר געבלענדט,
ווי זי וואָלט געזען גיין גאָט.

אַ טראָט און נאָך און נאָך,
ווי דאָס פאַלן פון אַ יונגן רעגן.
זיין צעשראָקענער גוף פאַלט דערנאָך
אין דער מאַמעס לייב אַנטקעגן.

די לאָמפּן לעשן זיך אויס,
פאַרלאָשענע זיבן זונען.
ער שטרעקט זיין גוף פאָראויס,
ווי ער וואָלט דאָס לעבן געפונען.

דאָס לייב צוקט ווידער אויף
אין לעצטן, פאַרפייניקטן פיבער.
און בלייכער ווערט דער רוף,
און די נאַכט דעקט אַלץ איבער.

נאַכט

איך ליג אויף עלפטן שטאָק פון אַ שפּיטאָל,
מיליאָנען־גופיק רירט דאָס לעבן זיך אין טאָל.

אַ נאָנע האַלט מיין האַנט און זאָגט די נאַכטיקע תפילה,
די ליפּן, אין הכנעה, שטילע, שטילע.

ווי אַ ווייסער וואָלקן גייט די נאָנע אָפּ פון בעט.
איך בין וואַך, מיט אויגן צוגעמאַכט ביז שפּעט.

די נאַכט זינקט. אַ וואַלד פון שווינדלדיקע שטערן,
מיינע אברים הערן:

פּיס שפּאַנען, יאָגן איבער מיר, זיי טרעטן און טרעטן —
מיליאָנען־הענטיק רירט דאָס לעבן זיך אין טאָל מאַנהעטן.

טויזנט־פּנימדיק באַוועגט זיך אַ געשטאַלט,
אָט רירט עס אָן דעם הימל באַלד.

ווי כוואַליעס רירן זיך די ווערנס הין־און־קריק,
זיי וויגן זיך ווי טענצער אויף אַ שטריק.

אויף גלייכע ווענט קלעטערט איינער מיטן טויט.
אַ בלינדער שפּילט אויס זיין אומגליק אויף אַ פליים.

אַ שטימע רייסט זיך צו די הויכע שטאָקן,
מיט געוויין צעהוידען זיך די טורעם־גלאָקן.

אָט טראָגט אַ מענטש צו די שטערן זיין אומגליק,
אַ צווייטער שפּאַנט און שמייכלט צו זיין גליק.

אַ גוף וואַקסט אויס אַריבער אַלעמען העכער, העכער,
אָט גרייכט ער די טורעמדיקע דעכער —

דאָס פּנים צינדט זיך אָן מיט גליק,
און ביז די הימלען לויכט זיין בליק.

די נאַכט פאַרגייט,
איך בין נישט אַליין, איך בין זאַלבעצווייט.

די נאַכט פאַרגייט,
דער טאָג זיין ליכט אויף ווענט צעשפּרייט.

טריט אויף דער ערד

חלום פון ערד

אין וואַסער־שאָטן,
צווישןביימער פריי,
האָט זיך געבאָדן
אַ יונגער מאַי.

מיט גראָז אין די אויגן,
געוואַשן און קלאָר,
האָט זון אים געצויגן
ביי די בלאָנדע האָר.

מיט וואַסער־ריח
און זון אין די ציין
גרינט זיין כח
אין וואָרצל און שטיין.

אויף דער לבנה,
איבער דער בריק,
אין גאָלדענעם שאָטן
שווימט דאָס גליק.

מיט חלום פון ערד
אין אינגעווייד,
דורך רעגנבויגן
רעדט די פרייד.

זון אין די אויגן,
גאָלד אין די האָר —
דער זומער פאַרפלויגן
ווי יאָר נאָך יאָר.

ליגט זומער צעטראָטן
אין מאָכיקע צעפּ,
און ס'ווײנט זײן שאָטן
אויף רויטע קעפּ.

פון זון און גאָלד
אַ האַרבסטיקע שטריק;
אין זײנע אויגן
ווײנט דאָס גליק.

אויף דער לבנה,
איבער דער בריק,
אָן אַ העמד אויפן לײב
פאַרגײט דאָס גליק.

אברהם משה דילאָן

ג׳ חשון, תרצ״ה,
אויף אַ ניו יאָרקער שפּיטאָל־בעט
געשטאָרבן איז אַ יידישער פּאָעט.

אַ יידישער פּאָעט
האָט געפירט זיינע לידער אויף אַ שטריק
פערציק יאָר דורך אַ מדבר.
יעדער יידישער אות, ווי אַ זעמדעלע גליק,
האָט זיין שטיינערן עלנט פאַרוויגט
אין זיין באָרוועסער יידישער שפּראַך,
ווי אַ ניגון פון בעטהאָווענס אַ ליד,
און רייד פון געטלעכן באַך.

שטויב איז געווען אויף זיינע הענט,
ווען ער האָט געשפּאַנט מיט זיין ליד
דורך ניו־יאָרקער הויכשטאָטיקע ווענט.
דאָס ערשטע וואָרט פון אַ ליד
האָט זיין בלוט
ביזן סאַמע הימל געברענט.

ער איז געלעגן ביי די טירן פון פילהאַרמאָניק,
ווי אַ שיכור ביים שענק.
און ווי טעגלעך וואַסער און ברויט,
געטרונקען דעם עלנט
פון בעטהאָווען, טשאַיקאָווסקי און בראַהמס.

(האָב נישט פאַראיבל אויף מיר, אברהם משה,
איך וועל פאַר דיר זיך מודה זיין:
איך האָב זיך אָפט געשעמט פאַר דיין אומגעלומפּערטן גוף,
פאַר דיין אויסגעפליקטן צאָן
סאָמע אויבן־אָן,
און פאַר דיין לאַכן ווילד און הויך
ביי מיין זייט
אין דער אָפּערע.

האָסט געליבט אַלע פרויען
און פּוטשיניס געזאַנג,
און זיך געשפּילט
מיט דיין אייגענעם אונטערגאַנג).

דער מקונן ירמיהו
איז פאַר אים געווען צו שטרענג.
און פון עמוסן,
דעם פּאַסטעך־פּאָעט,
האָט ער אָפּגעשפּעט.
מוסר־פּאָעטן האָט ער פיינט געהאַט,
ער האָט אַרומגעטראָגן דעם הונגער פון וואָרט,
ווי די אַפּאָסטאָלן
יעזוסעס רייד,
און איז געשטאָרבן עלנט,
אָן פרייד.

אָ, דו פאַרצווייפלטער איוב־פּאָעט!
דיין בלוט הער איך קלאָגן
ביז דער הויך פון די שטערן,
פאַר דער מרה שחורה פון דיין האַרצן,
פאַר דיין היימלאָזן שטאַרבן,
און פון דיין טרויעריקן נישט ווערן.

אַ ב ר י ו ו

מיט פרייד אין האַרצן לאָז איך דיר וויסן:
איך לעב און איך ליב ביז אַצינד.
שניידט אַ ווייטע דערמאָנונג ווי שטורם מיין בלוט:
גוט!

די זון זויגט די בענקשאַפט אויס,
ווי אַ מאַמען איר קינד,
און זי נעמט דאָס ליכט פון מיין טאָגביים פאַרגיין
אָן געוויין.

בענקט די ערד צו דיין לייב.
וועלן פירות ווי האָניק זיין זיס צו דעם גומען
אין טעג, וואָס וועלן קומען.

איז מיין האַרץ אַ רויטער שטעג אויפן נאַכטיקן הימל.
רייסט זיך אָפּ אַ שטערן,
ווי אַ צעשראָקענער פויגל שניידט דאָס טונקל פון נאַכט,
און לאָזט נאָך זיך אַ פּחד אין בלוט.

עס איז גוט
צו טרינקען דעם סוף פון יעדן טאָג,
און איינשניידן אין לייב די קלוגע רייד פון דער נאַכט.

און האַרץ צו האַרץ איז נישט גלייך,
ווי שטערן צו שטערן אין גאַנג פון אייביקן וועג.
איך בין אַ פאַרבאָטענער שטעג אויפן האַרץ פון דיין לעבן.

מײַן ליד

שאַרפֿער פֿון דאָרן און ביטער ווי גאַל
איז הײַנט מײַן פֿאַרכישופֿט געטראַנק.
פֿון װײַטסטן אָנהויב צום טיפֿסטן גאַנג
וויגט זיך מײַן האַרץ פֿאַר דײַן הײליק געשאַנק,
ווי אין פֿעלד אַ זאַנג.

אַ טאָג אַזאַ איז פֿאַרגאַנגען אין פּײַן,
אין זיסן צער פֿון געוויין —
ווער וועט פֿאַרנעמען און ווער וועט פֿאַרשטײן
פֿון פֿאַרשלאָסענע ליפּן און פֿון פֿרייד דאָס געוויין?

ווינטיקער טרויער, ליד — מײַן היים!
חלום פֿון ערד, געוויין פֿון בײן;
סוד פֿון בלוט, ליבשאַפֿט פֿון שטיין,
און פֿרייד פֿון דײַנע ווײַסע צײן —
איז דאָס געוויין פֿון מײַן בלוט און מײַן בײן.

זיס איז דער צאָרן, ווי ווײַן אין בלוט,
לבנה־פֿײַער און חכמה פֿון שטערן,
האַרץ און וואָלקן שטױבנען און הערן —
ליד מײַנס, נעם אויף מײַנע טרערן!

ווי אַ קאָרן־זאַנג אַנטקעגן זון וואָס קניט,
גייט מײַן שאָטן דיר נאָך און היט.
לײַב־צו־לײַב און גליד־צו־גליד,
אין פֿײַער פֿון שניט,
מײַן ליד.

אַ מעשה

איך ליַיען דיר, קינד, אַ מעשה פון אַ בער אַ שוטה,
וואָס האָט זיך אין אַ בינשטאָק פֿאַרליבט,
ווען די לבֿנה איז אויפֿגעגאַנגען אַ רויטע
און דער עפּל־בוים האָט אין סאָד געבליט.

די לבֿנה איז אים צו חלום געקומען,
אים דערציילט פֿון אַ גרויס גליק;
און די לבֿנה איז אַרומגעשוואומען
אַ פֿאַרליבטע הין און צוריק.

אונדזער בער האָט פֿאַרגעסן,
אַז אַ בין האָט אַ נעדעלע דין.
געוואָלט האָט ער האָניק עסן
און נישט געטראַכט פֿונם פּסק־דין.

עס גרינט דאָס גראָז, און עס בליט דער פֿלוים.
די זון אין הימל — אַ גאָלדענע פּאַן די גרויס.
דער שוטה, דער בער, ליגט אונטערן בוים
און עס גייט אים דאָס חיות אויס.

ער זעט: בינען פֿליען
פֿון בלום צו בלום;
געשמאַקן האָניק ציען,
און דער ריח בעט: קום, קום!

איילט ער דעם בינשטאָק אַנטקעגן,
און גיט זיך אויף אים אַ וואָרף.
די בינען קומען ווי אַ רעגן,
און עס לאַכט צופֿרידן דאָס דאָרף.

מען יאָגט, מען כאַפּט אים, מען בינדט
דעם בער מיט אַ שטריק.
דערציילן קאָן דער ווינט
פון אַזאַ פאַרשפּילטן גליק.

מען שמייסט דעם בער מיט אַ קנוט,
מען פאַרהאַקט אים הינטערן שלאָס —
די זון קוקט אויפן בלוט,
וואָס רינט אויפן גראָז.

און אָט האַקט מען אויף דעם שלאָס,
אונדזער בער מען פאַרקויפט.
נאָך נייעם באַלעבאָס
דער בער אומעטיק לויפט.

מען פירט אים אויף אַ קייט
דורך לאַנגע צעבליט מיט היי.
ער גייט און גייט און גייט —
ביים זייט גייט זיין געשריי.

דער גריל

דרויסן איז קאַלט, אַ פראָסט,
דער צפון בלאָזט און בלאָזט.
אין מיין דיל, אין אַ לאָך,
שפילט דער גריל פון זומער־מאָך.

קריכט דער זשוק אין גרינעם גראָז,
מיט רויטע אויגן קוקט דער האָז.
טוט דער גריל אַ ריר די פיס —
פון דיביימער פאַלן ניס.

זום, זום, זום.
רויטע, געלע, ווייסע בלום!
— איז מיין נאָדל שאַרף און דין:
איך — די זומער האָניק־בין.

שפילט א שאָטן אין די בלעטער,
און די זון — זי קלעטערט.
זון און גאָלד אין דעם רוים
איבער גרעזל, בלאַט און בוים.

נעמט די זון די ערד אַרום,
און צעוויגט זי ווי אַ בלום;
וואַשט איר פנים אין דעם היי,
מיט אַ גאָלדן רעגנשפריי.

קלינגט דאָס וואַסער ווי אַ גלאָק,
מיט האָניק קוועלט דער בינענשטאָק.
און צופוסנס באַרג־אַראָפּ
קעמט דער ווינט אַ בוים דעם קאָפּ.

ווייל די זון אַריין אין וואַלד,
גרינער שאָטן ווייך און קאַלט.
און גאָר נאָענט ביי דער ערד,
הוידען ביימער די גרינע בערד.

וואַשט די פעדערן דער האָן,
בליט מיט פייער־פלאַם דער מאָן.
און דער ווינט, ער גייט אָן שיך,
אַזוי־אָ באָרוועס ווי דו און איך.

קוקו־קוקורוזע־פּרענז —
העשען נאָך די געגנדז.
און דער קירבעס בלאָזט זיך אויף
ביזן הימל בלוי אַרויף.

קומט אַ וואָלקן אָן פון צפון,
קומט אַהער און בלייבט שוין שלאָפן,
קומען ווינטן אים צו טרייבן —
וויל ניט פאָלגן, וויל דאָ בלייבן.

דרויסן איז נאַס, אַ קעלט,
וואָלקן האָט די זון פאַרשטעלט.
אין די שפּאַלטן פון מיין דיל
שפּילט נאָך אַלץ דער זומער־גריל.

א י ו ב

מיר באַגעגענען זיך אויף שנייען,
אויף ווייטער, נישט־דאָאיקער ערד;
בלעטערן מיר אויף די ווייען
אויף אומעטיקן פּנים פון ערד.

דאָס בלוט וועט אייביק זיין רויט,
דאָס האַרץ וועט שטוינען פאַר פרייד.
פון וואַנען קומען די טרויערן,
וואָס מאָנען באַשייד?

דער גאַסט

איך וואַש מײַנע הענט,
און וואַרט אויף אַ נס בײַ דער טיר.
טונקעלער ווערן די ווענט,
און טונקעלער ווערט אין מיר.

באַווײַזט זיך אַ מענטש אין דער טיר,
מיט אײַנציקן וואָרט אויף זײַן מויל —
אַ וואָרט — ניט פֿאַר דיר, ניט פֿאַר מיר.
אויף זײַן פּנים צעגיסט זיך אַ גרויל.

זאָל איך פֿאַלן פֿאַר זײַן אײַנזאַם געשטאַלט
און בויגן מײַן עלנטן קאָפּ?
וויגט זיך זײַן צאָרן און פֿאַלט
אויף מײַן פּנים אַרויף־און־אַראָפּ.

ווערן הייס מײַנע הענט,
און עס צינדט זיך אַ פֿײַער אין מיר:
צעברענען זיך העלער די ווענט,
און ליכטיקער ווערט אין מיר.

מיין קינד

אַן עמער,
אַ בערגל זאַמד,
און אַ רידל.
אַ הימל מיט בלאָ
און מיט ווינט —
יאָ,
ס׳איז אמת,
עס שפּילט זיך מיט דעם
מיין קינד.

דער האָן איז ווייס,
זיין קאַם איז רויט;
ער שטעלט די פּיס — דער גבר.
מיין קינד פאַרוואַרפט
זיין בלאָנדן קאָפּ —
אַ חלום
איז די וואָר.

דער טאָג איז בלאָ,
ביימער שטייען פאַרטראַכט.
מיין קינד
יאָגט נאָך דעם יונגן ווינט
און לאַכט
און לאַכט.

דער ווייסער האָן
שטרעקט אויס זיין האַלדז,
און שפּרייט די פליגל אויס —
מיין קינד
צעשפּרינגט זיך אויפן גראָז
און לאַכט ווי ער איז גרויס.

דער עמער שטייט.
עס וואַרט
זאַמד און רידל.
מיין קינד —
אַ שטראַל פון פרייד,
אַ ליד פון פידל.

שיך

האָט מיין יינגעלע אַ פּאָר ברוינע שיך;
גייען די שיכעלעך גיך, גיך.

לויפן פאַרביי דעם וואַסער־ברעג,
און טרייבן דעם ווינט אַוועק.

שפּרינגען זיי פלינק איבער פאַרקעמטן גראָז,
און יאָגן נאָך אַ פאַרשפּעטיקטן האָז.

ווילן מיין יינגעלע האָניק מיט ניס —
נעמען די שיכעלעך און טראָגן די פיס.

ווילן מיין יינגעלע אַן עפּל, אַ באַר —
איז אויך נישט קיין צער.

גיי איך מיט מיין יינגעלע צופוס אין גאַס,
ווערן פון רעגן די שיכעלעך נאַס.

קוקן מיר ביידע אין פענצטער־גלאָז,
זעען מיר אַ פערדעלע פונקט צו זיין מאָס.

גייען מיר אַריין און קויפן דאָס פערד,
מיין יינגעלע מעסט שוין די לענג פון דער ערד.

דאָס פערדעלע טוט מיט די פיסלעך אַ האָפּ,
עס צעטאַנצט זיך דער ווינט אויף מיין יינגעלעס קאָפּ.

לויפט איבער פעלדער און פליט איבער מאָך,
און אָט פלאַצט אין די שיכעלעך ברוינע אַ שטאָך.

נעמט מיין יינגעלע לויפן צוריק,
עס ווייַנט אין אים זיין קינדערש גליק.

ער וויל וויסן, צי ער איז רייך, צי אָרעם גאָר,
און צי עס איז דאָ געלט אויף אַ נייער פּאָר.

די שיכלעך זענען אַ טעג פֿערצן אַלט לעת־עתּה,
וועלן מיר טאַקע נעמען און לייגן אַ נייע לאַטע.

לויפֿן די שיכלעך העט, העט, העט,
ביז די זון גייט שלאָפֿן אין איר הימל־בעט.

באָבעס וויג־ליד

ה. לייוויק׳ן

איילע־ליו־ליו,
שלאָף, מיין קינד.
עס רוט דאָס גראָז,
עס שלאָפט דער ווינט.

די לבנה שפּרייט איר ליכט,
און די נאַכט וויגט איין די שטערן.
איך קאָן אויסנווייניק דיין געזיכט
ווי איך קאָן די שטערן.

ביי דיין וויג אַ קאָזע אַ ווייסע
טוט קיין אויג נישט צו.
דערציילן וועל איך דיר אַ מעשה,
איילע־ליו־לע־ליו.

פאָרט דער טאַטע, פאָרט ער האַנדלען
אין אַ ווייטן וועג.
ברענגען וועט ער זיסע מאַנדלען
צו פאַרזיסן דיינע טעג.

און צעבראָכן איז דער וואָגן,
און אַ קאַליקע אַ ראָד.
טוט ער זיין פאַרמעגן טראָגן
אַזש ביז יאַקנע האָד.

קומט ער צו אַ פעלד אַ ווייטן
אויף אַ פולער וואָך;
קומט אַ באָק אים צו רייטן —
בריקעט נאָך.

זעצט ער זיך אויף שטיין אַנידער
אויף אַ פּולער וואָך;
טוען אים ווי אַלע גלידער,
און אַ ביסל נאָך.

צינדט ער די הבדלה אָן
און זאָגט: אַ גוטע וואָך!
טוט דער באַק מיטן באָרד אַ שאָקל,
און פאַרשווינדט דערנאָך.

*

איילע־ליו־ליו, אַיילעליו,
איילע־ליו־ליו, שלאָף אין רו.
זינג איך דיר אַ יידיש ליד:
ביסט, מיין קינד, אַ ייד.

איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
מאַך די אויגן צו.
שווימט אויף וואַסערן אַ שיף,
איז דאָס וואַסער בלוי און טיף.

פירט זי יידן אָן אַ היים,
עלנט ווי שטויב און שטיין.
איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
ס׳פאָרט מיט זיי גאָט ברוך הוא.

שווימט אָפּ די שיף פון ברעג,
שווימט ברייט און ווייט אַוועק.
קומט זי אָן צו איין עק וועלט —
טיר און טויער איז פאַרשטעלט.

שווימט זי צו אַן אַנדער ברעג,
ווייזט מען אויף פון דאָרט דעם וועג.
איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
טיר און טויער צו.

וואָגלען יידן דורך ים און נאַכט,
טיר און טויער צוגעמאַכט.
איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
און דער עלנט דעקט זיי צו.

שטום דער הימל איבער זיי,
קוקט אַראָפּ אויף זייער וויי.
איי־לע־ליו־ליו, איילעליו,
שלאָף, מיין קינד, אין רו.

צוויי יידישע יעגער פון בראָנזוויל

צוויי יעגער,
צוויי יידישע העלדן,
זענען געקומען צופאָרן,
מיט ביקסן
און פולווער;
אין יעגערשע יאַקן
מיט רויטע מיצן
און זילבערנע שפּאָרן.

האָבן די יידישע בערג
געגעבן אַ טרייסל די גריוועס,
פאַרקאַשערט אַן אויג האָט דער מאָרגן מיט חשיבות

דער האָן האָט דער ערשטער
צעטראָגן די פריילעכע בשורה:
— קו — קו — רע — קו!
און געשריבן אין טויאיקן הימל אַ שורה:
— די לייט זענען דאָ;
צוויי יידישע העלדן,
צוויי יעגער
מיט ביקסן, געקומען צו פאָרן,
אין יאַקן
און זילבערנע שפּאָרן.

יידישע העלדן פון בראָנזוויל!
מען פּוצט שוין די ביקסן,
ס׳גייט אויף בערן אַ גרויסע מפּלה!
איז אַוועק אַ פאַרשמאַיעטער טאָג,
אַ בהלה:

האָט דער ווייסער אָקס,
דער טאַטע פון זיבעצן קעלבער,
געטאָן זיך אַ לאָז
און אַ בריקע.
און די קי אויפן גראָז
האָבן זיך פאַרקוקט
און האָבן פריילעך געהיפּערט,
דער ענדיק האָט זיך צעהאָלדערט
און צענומען זיין עק אין אַ פעכער.
די זון האָט געקלעטערט
אַלץ העכער און העכער.

די וועלדער, מיט שטאַמען און בלעטער,
וואַרטן מיט צווייגן צעלייגטע און ברייטע
אויף די יידישע העלדן,
צוויי יעגער,
יוסף בער,
און יעקב מרדכי דער פעטער.

עס גייען גבורים
פון בראָנזוויל!
שרייט מיט זיינע לעצטע כחות
דער וויפּ — פּור — וויל.

האָבן די בערן גענומען זיך שרעקן,
און אין די גראָבנס פאַרקראָכן
מיט די עקן,
איין קליינִיקייט,
צוויי יעגער,
צוויי העלדן:
יוסף בער,
און יעקב מרדכי דער פעטער!

האָבן די יידישע העלדן
געטון אַ גיי און אַ קלעטער
איבער מאָכיקער ערד
און דורך בלעטער,
די קעפּ פאַריסן,
די ביקסן אויסגעשטרעקט צום שיסן.

דער הימל אין שווייגן.
די זון אין די צווייגן.
דער האָז האָט פריילעך געהאָפּעט,
און דער וואַלד האָט אונטערגעכראָפּעט.

מאַכט מרדכי־מאָו:
— יוסף־דזשאָו,
קום אַהער,
און די ביקס אָן אַ זייט טו אַ קער;
מאַלע וואָס,
ס'קען נאָך פאַרוועלן די קויל
טאָן אַ שאָס!

זיצט מרדכי־מאָו מיט אויערן געשפּיצט,
און וואַרט אָפּ אויף זיין בכורה.
זיין מח צעהיצט,
ווי ביים לערנען אַ שטיקל תורה.
זעט ער: אָט רירט זיך אַ צווייג,
מיינט ער:
אַ הערש אפשר גאָר,
מאַלע וואָס,
און גרייט אָן זיין ביקס
אויף אַ שאָס.

טראַכט ער:
צי איז ער ביים זינען,
צי חסר דעה?
ס'האָט די באָרד
פון זיין זיידן רב הערשעלע
געטאָן אין די בלעטער אַ ווייע.
דער זיידע צעפּירט די הענט
און מאַכט מיט אַ וואַזשנעם געבייזער:
— דיין טאַטע, מיין בכור,
טעוויע־לייזער,
אויך ברוך השם,
אַ שיסער אַ וואַזשנער געווען...

קוקט אים יעקב מרדכי אָן,
און עס קלאַפּט אים אַ צאָן־אָן־אַ־צאָן.

די יידישע בערג האָבן פריילעך געלאַכט,
דער ווינט האָט וואָלקן געטראָגן אַנטקעגן נאַכט.
אַלץ האָט געוואַרט:
דער גאַניק,
די קליאַמקע,
די קאַץ ביי דער טיר,
דער אָקס מיט די זיבעצן קעלבער;
דער ענדיק האָט זיינע פליגל געטאָן אַ צעלאָז —
און אפילו דאָס גראָז.

דער ערשטער דער האָן
אויפן דאַך אויבנאָן,
האָט די בשורה צעטראָגן
אין ווינט ווי אַ פּאָן:
— קו — קו — רע — קו!
די יידישע העלדן
זענען דאָ,
אין אַ גליקלעכער שעה!

דער האָן האָט דער ערשטער
צעטראָגן די פריילעכע בשורה,
און געשריבן אין טויאיקן הימל אַ שורה:
— קו — קו — רע — קו!
די לייט זענען דאָ!
צוויי יידישע העלדן,
צוויי יעגער,
מיט ביקסן און יאַקן,
אין רויטע, פאַרקאַשערטע מיצן.

און ער איז מודיע, אַלע זאָלן הערן:
— נישט קיין הערש,
נישט קיין ציג,
נישט קיין בער —
נאָר געבראַכט האָבן די יעגער
פון זייער געיעג,
כ׳בעט איבער אייער כבוד,
אַ צעשראָקענעם האָז,
און נישט מער.

מיין גאַם

מ י י ן ג אַ ס

הײנט האָט זיך די נויט אויף מײן גאַס צעזונגען
מיט הונגער אין קני, אויף ליפּן — אַ פאַרוואונדיקט געשריי.
דאָס לעבן איז צו פאַרדינגען
פאַר אַ העמד אויף לײב, פאַר אַ לעפל געקעכץ, פאַר אַ זופּ טיי.

עס רעדט דער הימל מיט בליי און מיט מאָנונג.
ווי אַ ווייט גליק שטייט מאַנהעטן פאַרטראַכט.
עס טראָגן הונגעריקע שאָטנס זייער דראָאונג;
מיליאָנען אויגן — פייערדיקע פרעג־צייכנס אין דער נאַכט.

עלנט פון גראָז אויף דיינע סקווערן,
היימלאָז לעבן אויף דיין ברוק.
ווי פון אַ מדבר־הימל קוקן די שטערן,
אַ מענטש פאַרגייט אין יעדן פיבערדיקן צוק.

איך גיי אום אין דיינע גאַסן מיט אַ קללה.
דאָס לעבן שפּאַנט מיט צעבלוטיקטע ציין.
רוקן צו רוקן, לייב צו לייב אין בהלה;
שאָטן יאָגט שאָטן, צעשיידט און אַליין.

דיין פרייִלעכקייט שפּאַנט איבער פאַרפייניקטע גופים.
מיט דאַכלאָזן עלנט שניידט דער ווינט.
איך הער דעם בעטלער אויף זיין פידל רופן
און אויסלערן דאָס מידע האַרץ אויף דיינע גאַסן, בלינד.

דיינעביימער, מאַנהעטן, מיט וואונדן בליען,
דיין אויסגעליידיקטע ערד — מיט אַ גרינעם געוויין.
היימלאָזע מחנות ציען
איבער דעם עלנט פון שטאָק און שטיין.

דיינע גאַסן, מאַנהעטן, — מיט רויש און מיט ווייסן פייער,
מיט אַ פאַרזויפּט פּנים ברענען דיינע נעכט —
באַצאָלן וועסטו, באַצאָלן טייער
פאַר שפלות און הונגער פון דיינע קנעכט!

לינטש

אַ פּחד־געוויין רייסט מיין דינעם שלאָף:
אין ווינט וויגט זיך נעגער־לייב, טונקעלער גוף.

די פּעטליע פאַרצויגן; און שלייף נאָך שלייף
צינדט מיין גוף, ווי אַ גליאיקער רייף.

מיט מאָרד אין די אויגן ברענט דער המון —
אין איין העמד שטיי איך אין גליוער פון שטיין.

איך פאַרברעך די הענט און פאַרקריץ די ציין,
און רייס דאָס העמד אויף מיין לייב און שטראָף זיך אַליין.

ווי לבנות פאַרקרימטע וויגט זיך פּנים נאָך פּנים
מיט חיהשן דורשט פון די ווייסע שונאים.

„טונקעלער ברודער, — איך רוף, איך רוף —
אויף פּעטליע פון שטריק נעם מיין ווייסן גוף!"

צינדט זיך דער וואַלד מיט פלאַמיקן כעס:
און ס'ברענט מיר דער ווייסער המונישער האַס.

עס פליקט זיך דער צאָרן, אין ביילן די הענט:
איך האָב דעם כבוד פון המון געשענדט.

עס הויבן זיך רידלען, עס בלאַנקען העק —
איך צי אויס מיין האַלדז אַנטקעגן חלפס שרעק.

איך פאַרוואַרף מיין קאָפּ און שטיי ווי אַ קינד —
דער המון — ווי שטורם, צעהיצט און בלינד:

„איר זעט — אויך זי איז אַ הינטישער ביין...
באַי גאָד, זי וועט הענגען אָן אַ העמד אַליין!"

אַ בלאַנק פון אַ מעסער, אַ שניט אין דער שטריק,
און עס פאַלט אַ טונקעלער סנאָפּ אויף קריק.

איך פאַל צו צום מת און קוש זיינע טריט —
די לבנה שמייכלט און היט.

המונישער פּנים צעקרימט פון צאָרן;
מיין ליבּ — אַ ברענענדיקער דאָרן.

געוואָי פון וועלף, מען רייסט מיין העמד:
„באַי גאָד, דו וועסט הענגען אויף דער שוואַרצער פרעמד!

ווייל דער, וואָס פאַרשוועכט זיין ווייסע הויט,
קריגט דעם זעלבן טייוולשן טויט".

לעצטער צער פון די נאַוואַהאָ־ברידער *)

רויט־ליים האָט אַ ליד היינט געזונגען,
רויט־ליים אין טעפּערס הענט:
— דיין געשטאַלט אין דעם אייביקן וואונדער,
נאַוואַהאָ!
לעצטער צער אין דעם ליים פון די הענט.

זינגט דער שמיד פון די נאַוואַהאָ־ברידער;
שמידט אין זילבער דעם ווינט אויפן זאַמד.
אין זיין טאָפּ — די קוילן וואָס גליען —
לעצטער צער פון דעם נאַוואַהאָ־לאַנד.

און דער וועבער וועבט נאַוואַהאָס טרויער
אין אַ ליד פון רויט און ווייס.
אין זיין פּנים — די ערד און איר דויער;
שפּינדל־שיף אין דעם שפּינערס האַנט —
לעצטער צער פון דעם נאַוואַהאָ־לאַנד.

אין זיין פּנים — בראָנז פון אַ הארבסט־פעלד;
אין זיין שוואַרצאַפּל — שווארצערד פון לאַנד.
מאָלט דער צויבערמאַן כישוף אויף זאַמד־שטויב:
מיט בלוט איז באַמיסטיקט דער וואַלד.
לעצטער צער פון דעם נאַוואַהאָ־לאַנד.

---

*) איינער פון די אונטערגייענדיקע אינדיאַנער שבטים אין אַמעריקע.

רויט־ליים האָט אַ ליד היינט געזונגען;
רויט־ליים אין טעפּערס הענט:
דיין געשטאַלט אין דעם אײביקן וואונדער,
נאַוואַהאָ!
לעצטער צער אין דעם ליים פון די הענט.

איך בין אַ ייד

עס וועקט מיין שלאָף,
עס וועקט מיין האַרץ
אַ יוגאָסלאַוו,
אַ רוס,
אַ יענקי
און אַ ייד:

— שטיי אויף,
און נעם אַ ביקס.
שטיי אויף,
און קום פאַרטיידיקן
מאַדריד!

איך בין א ייד, איך בין אַ ייד.
איך קען קיין ביקס נישט האַלטן אין מיין האַנט:
מיין זיידע איז געווען אַ בעל מקובל אַ ייד.
מיין באָבע האָט געלייענט די צאינה וראינה
און געטייטשט איר פשט.
מיין מאַמע בענטשט ליכט
פאַרן כבוד פון גאָט און מענטש.
און קינס זינד האָט מיך געלערנט די פליכט
פון נישט פאַרגיסן בלוט.

מאַדריד,
מאַדריד!
איך שיק דיר אַ גרוס:
דער כינעזער היו־פו־פען
האָט אויסגעצויגן זיינע פיס
מיט אַנדערע הונדערט צען.
און אַ יידן פון פוילן
האָט די נויט
גענומען פאַר די האָר,
און גאָר.

מאַדריד,
מאַדריד!
צי איז עס וואָר?
מען זאָגט:
ס'איז רחמים דאָ,
עס איז דאָ אַ גאָט —
נישט אַנדערש אויסגעטראַכט האָט אים
אַ דאָן קיכאָט,
וואָס מאַכט לצנות פון מיין האַרץ
און טרייבט שפּאָט...

און גלויבן וויל איך,
גלויבן, אַז ס'איז דאָ יאָ אַ גאָט.
עס איז מאָנטיק היינט.
אָט האָט אַ שטערן אויפגעשיינט.
אַ גראָז האָט מיט זיין גרין געצויגן זיך אַרויף
צום הימל בלוי,
אַ טראָפּן טוי
האָט קיל געמאַכט די ערד.
און איבער דעם — עס וויל מיין מויל
נישט אויסרעדן דעם גרויל.

מאַדריד,
מאַדריד!
צי איז עס וואָר?
אַ תליה ברענט.
עס צלמט זיך אַ פרומער קאַטאָליק,
און זאָגט דעם יידן צו
דאָס געטלעכע גליק.

ווי אַ זעגל צעווייעט זיך אין ווינט מיין חלום.
עס גייט אויף אין פלאַמען
דאָס דורותדיקע פנים פון מיין מאַמען,
און אירע מידע ליפן רירן קוים
עקשנותדיק
אַ ברענענדיקן
אָמן.
אָמן.

דער ספינקס

דו שטייסט אַ רעטעניש פאַר מיר,
און אורוואַלד־יאָרן אין דיין יעדן ריר.

דו ביסט ווי אַ מעשה פון שטויב געבאָרן
אין געדיכטן וואַלד פון בלוטיקע יאָרן.

דיין שמייכל צעוויגט זיך, און שטילערהייט
ווערט דיין פּנים צעשטראַלט ווי אַ מדבר־קוויט.

דיינע אַקסלען ברענען, דיינע ליפּן רירן זיך קוים;
בענקסט נאָך שאָטן פון ציפּריסן־בוים.

איך נעם דיך אַרום מיט מיין בלוט און מיין ביין,
און גיס זיך צונויף מיט דיין מדבר־שטיין:

עס הויבן זיך זאַמדן, ווי כוואַליעס אויף ים,
צעוויגט זיך דאָס פּנים און ליד פון מיין שטאַם.

ווי וואַלד־שרפות ברענען די יאָרן אין דיין שטיין —
איך הער פון מיין שטאַם דאָס געוויין.

עס טרעמפּלען פיס, און קעמלען מיט פּעק
ציען די העלדזער אין דורשטיקער שרעק.

עס צעפלאַקערן זיך הערצער אין מדבר־רויט —
גייט פאַר מיר אויף דאָס ליד פון טויט:

געשריי פון היפּטן פאַר מזבח און פלאַם,
לייב גיט זיך איבער ווי געשאָכטענע לאַם.

רוקנס ברענען ווי רעגנבויגן.
קנעכט־געוויין אין מדבר־אויגן.

הענט שלעפן און ציען די שטריק,
און חלומען פון אַ ווייטן גליק.

אויגן מיט דורשט, דאָס לייב אין וואונדן,
שטערן גייען אויף און ווערן פאַרשוואונדן.

איך צי מיינע הענט, איך שאַרף מיין טראָט;
אין מדבר־ים — איך זוך גאָט.

וויגט זיך דער קעמל, און אַ מדבר־גלאָק
שיילט פון דער נאַכט אַרויס דעם טאָג.

עס צינדט זיך דער הימל, און האָניק־מיד
גייט אויף אין מיין בלוט פאַר דיר דאָס ליד.

האָניק פון בירעבידזשאַן

איך האָב היינט פאַרזוכט האָניק פון בירעבידזשאַן.
דער שאַרפער טעם האָט אַ ברי געטאָן אין גומען.
ס'האָט אַ ווייע געטאָן פון עמער
דער ריח פון קאָרן־פעלד,
מיט טוי,
מיט קלעווער,
און מיט לבנה־בלוי.

עס האָבן איבער מיר אַ זשום געטאָן די בינען,
און זומערדיקע פעלדער האָבן זיך געשפרייט אין דמיון.
האָט זיך אַ וויג געטאָן
מיין אויסגעוואָרצלטער און טרויעריקער שטאַם,
וואָס זוכט פרנסה, ברויט און ליבע
מעבר לים.

דער האָניק איז געווען גוט.
די ערד
האָט גערעדט
מיט יונגע ליפּן,
מיט האָרעוואניע
און מיט בלוט.

און עס טוען זיך אַ וויג:
הענט,
רוקנס,
פיס —
אַקסלען אָנגעצויגן
עקשנותדיק אַנטקעגן ווינט.
און ווי אַ זאַנג אין קאָרן־פעלד
מיין בלאָנדער בכור,
מיין קינד.

עס בליט אַ קאַרשנבוים,
אַ באַרן,
און אַ פלוים.
און
און סאַמע אינדערמיט
מיין ייִנגסטער טרוים.

קאַדיש

איך שנייד די בלעטער פון דיין בוך,
דיין לעבן לויפט מיר אַנטקעגן.
ווי לבנה־ליכט שיינט אויף מיר דיין פּנים;
דיינע אויגן — מיט צייטיקן רעגן.

דזשיקע־גאַס, העסטער־סטריט און לאַוואַזשע —
אונדזער גליענדיק בלוט;
פאַר יעדן טראָפּן שוימיקן לעבן —
לשון פון רוט.

זינגען מיר צו די הימלען,
און די ווינטן, וואָס האַלטן אונדז וואַך;
אויף וועגן פון היימלאָזער בענקשאַפט —
גליקלעכע אָן אַ דאַך.

אין אונדזער בלוט גייט־אום דער הענקער;
אונדזער צאָרן וואַרט אָפּ דעם טויט.
רייסט זיך דאָס האַרץ צו געדענקען
דעם הונגעריקן אויסגעשריי: ברויט!

גייען מיר מיט דעם תּליון,
אונדזער האַרץ אונטער זיינע בלוטיקע טריט;
עס צינדן זיך שטיקער הימל,
און די ערד אונטער די פיס גליט.

מיינע קראַנקע ריידן מיט לשון פון טייכן,
וויס־ברויט און זעמל אויף מיין ניו־יאָרקישן טיש;
ווען איך שטרעק מיין האַנט צו נעמען —
בלוטיקער מעסער פון דער טיפעניש.

דער העכסטער טורעם פון סדום־מאַנהעטן
גייט־אויף ווי אַ ליד פון ניו־יאָרקישן תהום.
וועמען זאָל איך בעטן, וועמען בעטן ?
אויך איך גיי אום אין זינדיקן שטראָם.

איך נעם אָן די נאַכט ביי אירע טויאיקע אַקסלען,
און פיר זי צו מיין וואַכער טיר ;
שווימט די לבנה ווי אַ חלף אויף וואַסערן,
און מיין האַלדז קושט זי מיר.

איך שנייד די בלעטער פון דיין בוך ;
דיין לעבן לויפט מיר אַנטקעגן.
ווי לבנה־ליכט שיינט אויף מיר דיין פנים ;
דיינע אויגן — מיט צייטיקן רעגן.

דאָס כינעזערל וואַן־פּו

איך קום צום טויער פון כינעזערל וואַן־פּו,
ער זיצט אַ נאַקעטער און האַלט, די אויגן צו.

ער זיצט ווי בודהאַ אויף אַ לאָטאָס־בלאַט
און זאָגט זיין דורותדיקן פּשט:

זיבן זיידעס שטייען ביי זיין זייט
און פירן אַ ויכוחדיקן שטרייט.

איינער זאָגט: עס איז די פינצטערניש פון לעצטן דור.
דער צווייטער: צוגעמאָסטן אויף אַ האָר!

דער דריטער טוט אַ טרייסל מיט זיין קאָפּ
און ברענגט אַ וואָלקן פון דער הויך אַראָפּ.

דער פערטער דרייט אַ פּאה אין דער לינקער זייט
און זאָגט: מיט אויסגעפּיקטע אויגן איז די צייט;

דער אָדלער זעט בלויז זיך און זיין רויב,
וואָס באָדט זיך אין בלוט פון דער פאַרצוקטער טויב.

דער פינפטער נעמט אַרויס פון טאָרבע ברויט,
און טיילט די זיבן זקנים, ביין און הויט.

זאָגט דער זעקסטער מיט באַדויער אין זיין קול:
נישטאָ דער בטחון פון אַמאָל;

די ערד צום הימל ציט, דער מענטש — צו גאָט,
די אייביקייט אין אים, און אייביק זיין גנאָד.

דער זיבעטער צעוויגט זיך מיט דעם ווינט,
און ווי אַ רגע — פֿאַרשווינדט.

דאָס כינעזערל וואַן־פֿו
זיצט אויפֿן לאָטאָס־בלאַט און האַלט נאָך אַלץ די אויגן צו.

אין טעג פון הונגער

I

אין שפּלע טעג פון הונגער
איז ניו־יאָרק אַ מדבר־גליק.
יעדער וויגט זיך באַזונדער
אויף זיין אָרעמער שטריק.

גייען פאַרחלשטע לעבנס,
געפּייניקטע לייב און בלוט.
גייען דורך גאַסן און סקווערן,
חלומען: — וואָכיקן ברויט.

בלאָנקען ווי געזעמלען אין מדבר,
אויף די ליפּן ברענט די וויי;
עפּענען טויזנטער מיילער
אַ שטומען געשריי.

וואַקסן די מויערן אַלץ העכער,
מיט שטיינערן האַרץ צו גאָט;
שטיינערנער שמייכל אויף דעכער,
און גאַליקער שפּאָט.

II

איך גיי צווישן מויערן און גאַסן,
איך גיי מיט מיין קראַנקן דור;
איך האָב געוואווינט מיין האַרץ זיך בויגן
צו יום־טוב און צו וואָר.

צו דיינע שטייגנדע מויערן
ציט דאָס פאַרלאָרענע בלוט.
אויף אַלעמענס הענט אַ באַדויערן,
און יעדנס חלום פאַרבליט.

און הונגער טוט אַלץ נאָך געדויערן
אויף הענט אויף פשוטע צוויי;
אויף אַלעמענס אויגן אַ טרויערן,
אויף אַלעמענס ליפּן געשריי.

ק ר י ג

I

מיט געוואוי אין די ציין טראָגט זיך דער ווינט,
זיין צורה שיכור, מיט רשעות בלינד.

מיט שרפה אין די אויגן, מיט מאָרד אין טראָט,
טראָגט ער דעם פיבער פון אַ בלוטיקן גאָט.

ער קאָסעט די רו איבער ביימער און דעכער,
און צינדט דעם טויט מיט זיין בלוטיקן פעכער.

ברענט זיין שאָטן איבער פעלדער און רינד,
און איבער דעם ייִנגסטן קינד.

צעטאַנצט זיך דער עלנט אין מענטשן־געביין,
און דער בוים מיט זיין גרינעם געוויין.

דער הימל גליט מיט פלאַמיקן סם —
אין וואונדן שרייט אַ מענטשן־ים.

עס הוידען זיך אַקסלען אונטער ביקס און שווערד
אויף צעבלוטיקט האַרץ פון דער ערד.

עס שפייען קאַנאָנען, און שפאַן נאָך שפאַן,
ברענט דאָס פּנים און דאָס בלוט פון מאַן,

וואָס טראָגט זיין לעבן אַנטקעגן דער ביקס,
און גיט זיך אַוועק ווי אַ שטום געוויקס.

II

לבנה גיסט נאָוועמבער־ליכט,
און קושט דעם עלנט פון מענטשנס געזיכט.

איך לייג מיין האַרץ אויף אַ קישן פון שטיין,
און הער די ערד און איר געוויין:

„דאָס פעלד האָט מיט זון און ברויט געבליט,
און מיין לייב מיט ליד און זאַנגען־שניט;

מיט בלאָנדן זומער האָט געשפּילט מיין בלאַט,
מיט ברויט אונטערן שניי שלאָפט חודש שבט.

דער הימל האָט געטרונקען דעם גאָלדענעם קאָרן —
איצט פינצטערן כמאַרעס אַראָפּ זייער צאָרן.

מיין לייב איז אַ קבר פאַר מענטשן־געביין,
אין מיר זאָפּ איך איין זיין עלנט־געוויין!"

יוניאָן סקווער

עס בליט דער מאָרגן מיט מאַאיקן צוויט.
די קנאָספּן לאַכן,
דער הימל גליט.
די ערד מיט האָניק אין אויגן בליט —
די זון בריט.

איבער גאַסן, איבער שליאַך
ציען זיך הערצער אָן היים און אָן דאַך.

דער מענטש מיט באָרוועסער ברוסט, אָן אַ העמד,
און דאָס פאַרפייניקטע ליד פון דער ווייטסטער פרעמד.

דער ברודער מיט אויסגעפליקטע ציין,
און ברודער מיט פרייד און זון אין זיין ביין —

מאַרש,
מאַרש,
מאַרש!

פּנים צו פּנים, האַנט צו האַנט
זינגען דאָס ליד פון אַלעמענס לאַנד.

עס צעגיסן זיך טייכן, פיס מיט פרייד.
די הימלען מיט ווינט און מיט מאַאיקע רייד.

מיט ווינט אין די אויגן, מיט ליד אין געביין;
אין מאַרש — די נויט ווי פייער ריין.

שטיינערנע שטאָקן קוקן אַראָפּ,
עס צעהוידען זיך גלאָקן מיט זון איבערן קאָפּ,

הערצער אין פלאַמען, זון אין בליק —
עס מאַרשירן שטאַמען איבער מאַאיקער בריק.

מאַרש,
מאַרש,
מאַרש!

אין פייער טויכט אויף דור נאָך דור;
אין מאַרש — די צעפייניקטע וואָר.

דער הינקעדיקער און הויקער ביי דער זייט,
און די הייסע פרייד פון אייביקן שטרייט;

דעם געקעפּטנס בלוט פון דער גילאָטינע,
ברודער־קאַמף און ברודער־שנאה;

דאָס געפייניקטע בלוט פון עשאַפאָט,
און דאָס געוויין פון גאָט.

דער פינצטערער גרויל פון לינטשערס שטריק,
און דאָס געשאָכטענע גליק;

צעפּאַסעוועט לייב אין תפיסה־ווענט,
און דאָס געשריי פון באַליידיקטע הענט —

מאַרש,
מאַרש,
מאַרש!

עס בליט דער מאָרגן מיט מאַיקן צוויט,
די קנאָספּן לאַכן,
דער הימל גליט,
די ערד מיט האָניק אין אויגן בליט —
די זון בריט!

דער ניו־יאָרקער גביר
מאַכט חתונה זיין טאָכטער

א) דער גביר, דער טאַטע, מאַכט חתונה זיין טאָכטער

דער זאַל איז פול מיט גלאַנץ, מיט רויש,
אַ כוואַליע ליכט יאָגט נאָך אַ כוואַליע.
מיט לייב און זיידן־גערויש
טראָגן זיך ווי אויף פליגלען אַלע.
עס קומען אָן פאַרפוצטע מחותנים,
ווי ביימער אין אַ שטורם פאַלט איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז.
די גדולה לויכט אויף יעדנס פנים.

שיכור וויגן זיך די בליצנדיקע זשיראָנדאָלן.
די טאַצן פליעסקען, עס האַלדערט הויך די פויק.
דער סאַקסאָפאָן מיט דבקות ציט זיין ניגון,
די פידלען יאָגן אָן אַ הייסן ווינט.

דער גביר, דער טאַטע,
מאַכט חתונה זיין טאָכטער.
און אויסגעלאָזן האָט ער קיינעם נישט,
פאַרבעטן האַלב שטאָט; פון פיטקין עוועניו,
פון די בראָנקס
און פון מאַנהעטן;
די חשובי ניו־יאָרק מיט אָנגעפיקעוועטע טייסטערס, —
דעם בוטשער,
דעם בעקער,
און דעם גראָסערי־מאַן נישט אויסגעלאָזט.

ב) רבי סענדערל

רבי סענדערל זיצט אין אַ לאָזשע, הויך ווי אויף אַן אויבערשטיבל.
רבי סענדערל, וואָס האָט זיין כסא־רבנות
אַריבערגעטראָגן פון רייסן אַזש ביז דער גאַס קאַנעל.
געקומען איז ער מסדר־קדושין זיין,
עס זעט אים אויס, ווי ס׳איז אַ חגא.
ס׳דוכט זיך אים: קלויסטער־גלאָקן קלינגען.
דער ריח פון בלומען־שטראָזן שיכורט אים.
מיט חשיבות און צעשראָקן
קוקט אַראָפּ זיין געלע באָרד.

אַזאַ געדרענג איז אונטן:
קאָפּ־צו־קאָפּ,
און בויך־צו־בויך,
אַקסל איינגעזויגן אין אַקסל,
ווילד יאָגן די פּיס דעם ווימפּערדיקן דזשעז,
אין קדחת־פּיבער וואַרפן זיך די היפּטן,
אין נייעם חסידות־פּייער
פּלעסקען מיט די פּיס
די אייניקלעך די פרייע,
פון בראַסלאַווער,
און פון מעזריטש.
אין ענגשאַפט רייסט זיך דאָס כליפּען פון אַ פלייט.
די פּויק שליידערט האָגלדיקע דונערן,
און עס צעלאַכט זיך דער טרומייט.

רבי סענדערל — אויבנאָן,
ווי אַ מצבה.
מיט דבקות רעדט צו אים דער סאַקסאָפאָן:
„איז דען מיין שפּילן נישט מחיהדיק ווי דודס פידל,
און ווי דעם קלעזמערס פייפיאַל פון טיף רייסן?"
עס טויכן אויף רבי סענדערלס יאָרן:
זיין לעבן שווימט אַוועק פון אים צעשראָקן און פאַרלאָרן.

דער גבאי, רבי שלמה זלמן,
אַ ייד אַ רויטער און אַ כעסן, —
ווי אַ פייער
ברענט זיין זאַפרען־באָרד:
— שוין בעסער פייערן פון מדבר סיני,
און אַלע פלאָגענישן פון דער וויסט:
נקבות, בתולות, זכרים
אין עבודה זרה אויסגעמישט!

ג) די באָבע חנה־צירל דערציילט נסים

אוי, די באָבע חנה־צירל, די באָבע חנה־צירל!
מיט אירע שיף־שוועסטער, דעם דיינס בת־יחידה הענע לאה
און דעם שענקערס טאָכטער שיינע־מירל —
זיצן אַרום טיש, ווי אויסגעפּוצטע גרעפּינס,
אין די קנייטשן — וואַרעמקייט פון תפילה.
די שטערנטיכלעך אויפן קאָפּ — פּוסטע פייגל־נעסטן.
און די קרינאָלינעס, —
אַ פייג די הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות!
ווער קען זיך גאָר צו אַזוינס פאַרמעסטן?
מיט היפּערס און מיט אַטלעס און מיט בענדער.
ציטערנאָדלען — ווי גן־עדן פייגל אָט טוען פליען!
די פּנימער, ווי פון אַ וואַנט־געמעל אַראָפּ:
שמייכלט איינע,
שמייכלען אַלע צו.
וויל יעדע איינע עפּעס ריידן, עפּעס זאָגן,
נאָר אַלץ שלינגט איין פון סאַקסאָפאָן דאָס דבקותדיקע קלאָגן.

צעפירט די הענט די באָבע חנה־צירל,
און שמוצערט מיט די קלוגע ליפּן:
ווי זומער־פייגעלעך זענען איר פאַרפלויגן די אַכציק זומערס.
ס'האָט איר פאַדאָלער יוגנט ווי אַ קאַרשנבוים געבליט,
און אין סאַמע אינדערמיט,
האָט איר אַ ווינט אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרצן:
ס'האָט בערלען חיה־פּעשעס זיך פאַרגלוסט
אַ שפּיל צו טאָן מיט אירע באַקן!
דער רומיאַנעק האָט געשיכורט מיט זיין טעם,
און דער פויגל האָט אַזוי זיס געטרילערט.

אַ קשיאָ אויף אַ מעשה —
מן הסתם,
האָבן אירע יונגע טעג
געזאָלט אַ הוליע טאָן מיט אַ צעבושעוועטער כוואַליע
אויפן ים.

די זקנות אַרום טיש —
קמיעות, איינגעפּאַסט אין אַלט־זילבער,
האָבן מיט פּאַרטרויען זיך צעוויגט,
ווי אין אַ כּישוף־מעשה.

ד) געגרייטער טיש

מען האָט געשאָכטן קאַטשקעס, גענדז און בלויע טויבן,
ענדיקעס, הינער און טערקישע פאַזאַנען.
דער גביר, דער טאַטע, האָט דעם אויערהאָן געהייסן כאַפּן
און לאָזן מאַכן מאַרצעפּאַנעס.
טויזנט גלעזער אָנגעפילט מיט פינקלדיקע ווייגען.
לבנה־ליכט און הימלדיקע שטערן,
שאַמפּאַניער, געפילטע פיש און פראַנזעלערן —
טויזנט פּאָר אויגן האָבן גענומען שיינען.

און אָט טוט אַ רוף די דודע,
זי פאַרבעט צום טיש די געסט.
מען זעצט זיך צו דער סעודה
מיט חשק און מען עסט.
די סאַרווערס, אין ווייסע הויבן, שטעלן אויפן טיש
מיט נעגעלעך די ווייגען און די געווירצטע פיש.
זיי טראָגן פולע טאַצן מיט קאַטשקעס און מיט גענדז,
אויסגעפּוצט מיט בלומען און מיט גרינע פרענדז.

אָט טראָגט מען אויך געפּראָרענע גאַלזעגאַנעס,
פאַרן אויג אַ קוויקעניש
און פאַרן גומען אַ מחיה.
אָט טראָגט מען משהן אַ פאַרצוקערט־פאַרקילטן,
אין הענט — די לוחות,
די אויגן טרויעריק און קאַלט,
און אַזוי עלנט איז זיין געטלעך געשטאַלט.
מען טראָגט אַ ווייסן בער אין זילבערנע געשפּאַנען,
אַ פּאָר פאַרצוקערטע טויבן,
אַ גלאָק,
אַ שיף געשפּאַנט אין שוואַנען,
אַ פּאָר כינעזישע פאַזאַנען,
און אַ חופּה־טאָרט פון צוואַנציק שטאָק.

דאָס ליכט וואַרפט רעגנבויגן־שטראַלן אויף דעם אַלעם.

ה) דער גביר, דער טאַטע

דער גביר, דער טאַטע,
מיט ווייכע אויגן פון דער ליטע;
מיט זונטיק־מאָנטיק־דינסטיק־מיטוואָך — בולבעס,
מיט גריקע־פעלדער אין זיין בלוט צעבליטע,
קוקט אויף דעם אַלעם מיט הכנעה.
זיין פנים קרימט זיך אין אַלע שפיגלען,
זיין לעבן ברעכט זיך אין דער אייביקייט.
ער קריגט פייערדיקע פליגלען —
אַלץ שווימט אויסער רעכענונג און צייט.
די גריקע־פעלדער נעמען ריידן,
עס רעדט דער ליטווישער גן־עדן:

עס איז שבתדיקער, אָרעמער גנאָד.
דער טאַטע זיינער ציט אַ טרויעריקן ניגון,
די הענט זיינע ריידן מיט גאָט,
די מאַמע — אַ וויינענדיקע תפילה,
זאָגט „גאָט פון אברהם" פאַר אַלע.
דער טיש מיט ברעקלעך פון שבתדיקער חלה,
די לייכטער — אין אָונטדיקער נעילה,
די שוועסטערלעך, די זיבן ציגן,
זוכן מיט די אויגן אליהו הנביא.
עס איז רו,
שבתדיקער טרויער,
באָרוועס קוקט אַריין די וואָך אין פענצטער.
און גרויער, גרויער
ציט זיך אויס דער דלות.

ז) דער רב ר׳ סענדערל און ראַבאַי שטערן

וואָס צו גאָט איז צו גאָט,
און וואָס צו לייט איז צו לייט:
אַ ייד וועט די אַכילה אויף גאָטס וואָרט נישט פאַרבייטן.
דער גביר, דער טאַטע האָט געוואוסט פון גוטן מזל דאָס אָרט,
און אויך געוואוסט אויף וועמעס ליפּן עס רוט גאָטס וואָרט.
וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייטן איז צו לייטן —
דעם רבי סענדערל האָט מען ניט געקאָנט אויף ראַבאַי שטערן פאַרבייטן.
כאָטש רבי סענדערל האָט צוגעגרייט אַ דרשה מיט דובנער מגידס אַ משל,
האָט מען נישט געקאָנט פאַרבייטן שאַמפּאַניער אויף בוראַק־ראָסל.
אמת, רבי סענדערלען האָט מען מכבד געווען מיט מסדר־קדושין,
די גאָטספאַרכטיקייט האָט געשטראַלט פון זיין פּנים אויף חדושים —
אָבער דאָס קול זיינס האָט געציטערט, מתיקות האָט געפעלט,
צעשראָקן איז געווען זיין באָרד צווישן גלוחים, גאָלד און געלט.
און געוואָלט האָט רבי סענדערל זאָגן דעם טאַטן, דעם גביר,
אַז אָנגעלייגט איז ביי גאָט דער, וואָס האַלט פאַרן אביון אָפן די טיר.
און געוואָלט האָט אויך רבי סענדערל מסביר זיין און זאָגן,
פאַרוואָס עס וועט אין גלות לאַנג, נאָך לאַנג נישט טאָגן;
און געוואָלט האָט אויך רבי סענדערל אַרויסברענגען דעם פּשט
מיט אַ משל פון מצרים, ווי שלעכט, אויב אַ מענטש איז תמיד זאַט,
און ווען אפילו פון קנעכטשאַפט באַפרייט — איז אַ מדבר זיין טיש,
אויב עס פעלן אים פולע טעפּ מיט פלייש און מיט פיש;
און נאָך גרעסער איז די זינד, וואָס מ׳האָט צעטיילט האַלב אויף האַלב:
די נאַכט צו אַ כלומרשטן גאָט, און דעם טאָג — צו דער גילדערנער קאַלב.
דאָס האָט רבי סענדערל געוואָלט זאָגן איבער קעפּ און טישן;
געטראָגן אָבער האָט ער די דרשה אַהיים איניאיינעם מיט זיין געפּלאָגטן געוויסן.

און ווי נאָר דאָס פלייש און פיש איז פון טיש פאַרשוואונדן,
האָטביים ראַבאַי שטערן אין צופרידנקייט די צונג זיך צעבונדן.
ער, דער ראַבאַי, האָט ווי דער תנא רבי אָפגעגעבן כבוד דעם גביר,
אָן אַ באָרד, אַ גלוח, אָן יראה אין פנים,
פון פאַפיר האָט ראַבאַי שטערן אויסגעזונגען ווי אַ „סערמאָן" זיין „ספיטש",
האָט יעדעס וואָרט זיינס געגלעט, אים איז געקומען צונויף
די מוטער חוה, די מוטער פון אַלע כלות, די אם כל חי,
וואָס כאָטש אַ פאַרטריבענע פון גן־עדן — האָט זי סיי־ווי־סיי
פאַרן מאַן אויפגעשטעלט אַ גן־עדן אויף דער ערד.
און וואויל איז צום היינטיקן „אדם", ווען עס איז באַשערט
די היינטיקע „חוה", וואָס טראָגט די ביכורים צום אַלטאַר,
איר ליבע צום מאַן — איר פריינט און האַר.
און אויך טאַטע־מאַמע האָט ראַבאַי שטערן נישט פאַרגעסן:
פון יידישן פאָלק צוויי זיילן,
וואָס האָבן געבראַכט אַ כשר האַרץ און צדקות אַריבער טויזנטער מיילן.
„אָ, דו נאָבעלע מוטער" — האָט ראַבאַי שטערן זיין האַנט געשטרעקט
צו דער כלהס מאַמע, וואָס האָט די פאַרטרערטע אויגן מיט דער האַנט
פאַרדעקט —
„צו דער מוטער שרה ביסטו געגליכן, וואָס האָט אין איר וואַנדערן
געפירט דעם פאַטריאַרך אייברעהעם, אים נישט פאַרביטן אויף
קיין אַנדערן.
מה טובו אוהליך, יעקב — — — —
נאָבל זענען די געצעלטן פון דזשייקאָב און די רו־ערטער פון איזראַעל!"

ז) אַ גרוס פון פשעמישל

עס צעכליפּעט זיך דער וויאָלין
און וועקט דעם פאַרחלשטן זכרון
פון ליטע און פון וואָלין.

עס טוען זיך אַ לאָז די היפּטן אין אַ היימישן קאַדריל,
הענט אויף באָקעס,
קעפּ פאַרוואָרפן,
מען טופּעט מיט אָפּצאַסן אין דעם שפּיגלדיקן דיל.
מען הויבט די קלאָצעוואַטע פיס,
ווי אין כּישוף:
אַמעריקע, ניו־יאָרק, וואָלין און ליטע,
בעסאַראַביע, פשעמישל און ווין.
אַ וואָר אַ שווערע טראָגט זיך שאַרף פאַרביי אין ווינט,
די יאָרן טראָגן זיך געשווינדט.
עס טאַנצן טאַטעס, אויסגעוואָרצלט פון ערד און חלום.
דאָס לעבן האָט פאַרלאַנגט אַ ביסל רו און שלום,
מיט זאָרג פאַר המשך פון דעם קיום,
האָט מען פון אייגן פלייש און ביין אַ גורל־בריק
פאַרלייגט פון ערד צו ערד,
אַנטקעגן שרפה און אַנטקעגן שטורעמדיקן הימל.

שיכּור וויגן זיך די בליצנדיקע זשיראָנדאָלן,
די טאַצן פּלעסקען, עס האָלדערט הויך די פּויק.
דער סאַקסאָפאָן מיט דבקות וויגט אַ ניגון,
די פידלען יאָגן אָן אַ הייסן ווינט.

עס זיצט אַ יידישער פּאָעט,
אַ גבאי פון אַ סינאַגאָגע,
אַ גוטער ייד,
אַ מעקלער,
און אַ פאַרזיכערונג־אַגענט.
עס טאַנצט אַן אויסגעפּוצטער „לאָרד" —
ער פירט זיין דאַמע ווי אַ פּאַווע.
ער טענהט דזשענטלמעניש איין:

This yiddish, this uncivilized jargon,
is a disgrace for every living body, everyone.

זיין טאַטע קומט פון פּשעמישל,
זיין עלטער־זיידע — פון מלאַווע.

ח) די כלה

אָט שוועבט פאַרביי די כלה,
אויסגעפּוצט אין אַטלעסדיקן בלאָ.
אין זיבן שלייערן ווי ס׳פּאַסט פאַר מלכה אסתר,
אין שיכלעך פון סאַמע גינגאָלד.
ווי פליגלען הענגען נאָך ביי די זייטן ווייסע פעדערן,
זי שוועבט ווי אַ זומער־וואָלקן פאַר אַלעמען פאַרביי.
און גוט צו וויסן איז אוודאי,
אַז אין הויז נומער צען אויף סאַמע מיטן העסטער,
איז זי געבוירן דאָ.

דער טאַטע אירער האָט מיט אַ פּושקאַרט „דזשאָנק" געפּעדלט,
די מאַמע האָט פעדערן געפּליקט,
און זי האָט אין אַ קעלער־שטוב איר חלום אויפגעהאַנגען,
און אויסגעקוקט איר גליק.
זי האָט געקוקט ווי טויבן פליען:
אָט טראָגן זיי איר לעבן צום סאַמע וואָלקן
און קומען באַלד צוריק.
זי האָט געריבן גרעט,
געהאָלפן צערעווען און לאַטען,
און האָט די טעג פאַרוויגט ביים ברודערס וויג.

זי האָט אויסגעקליבן פון קאָפּ די פּעדערן
ביי איר אויסגעהאָרעוועטער מאַמען ;
און מיט אַלץ צוזאַמען —
פּיינט געהאַט דאָס „פּאַרקרימטע" יידישע לשון פון איר טאַטן.
איר בלוט האָט אָפּגעוואַרט אַ נס :
ווי אַן עפּל זאָל זי אָפּרייסן פון בוים דער ווינט,
און אַוועקטראָגן איבער דעם פינצטערן דלות פון די דעכער,
העכער, העכער, העכער —

ביים טאַטן איז מיט גאָלד צוגלייך דער „דזשאַנק" געוואַקסן,
דער טאַטע אירער איז שוין אַ גביר אַ טאַטע,
נאָר פון אים האָט אַלץ געשמעקט דער זשאַווער פון דעם „דזשאַנק" !

ט) דער חתן

דער חתן — אַ ייד און אַ יענקי פון צענטן דור;
אַ ריטער, ווי פון שמרס אַ ראָמאַן.
זיינע עלטער־זיידעס — פּאַטריאָטן פון כמה יאָרן —
זענען געגאַנגען וואוילקענעוודיק אין שפּאַן,
האָבן פאַרשטאַנען פון אַ בוראַק צוקער מאַכן.
און ווי אין חומש, האָט דער הימל אויף זיי גערעגנט מיט מן.

דער עלטער־זיידע פון זיין מאַמעס צד,
האָט אין זאַמד גאָלדשטויב אויפגעקליבן,
און אויף זיין האַריקער ברוסט אַ יחוס־בריוו געטראָגן,
אויף פּאַרמעט, מיט פייערלעכן שטריך געשריבן,
באַוויזן מיט אותיות ומופתים,
אַז ער, אַ ספרדי פון טאָלעדאָ,
איז געווען אַ שותף פון קריסטאָפער קאָלאָן,
וואָס האָט געגעבן זיין חתימה און זיין האַנט
פאַר יידן, געלאָפן פון שייטערהויפנס,
אויסצוזוכן אַ לאַנד.

האָט דער חתן זיין שטאָלץ געלאָזט פילן,
ווי אַ גאַלאַגאַנער האָן.
געווען פּאַרקאָכט מיט זיין פוטבאָל שפילן,
און יחוס־אָבות האָט ער געזען אין דער אַמעריקאַנער פאָן.
ער קאָן מיט ביקס קונציק אין פייגל צילן,
און מיט די פיס אויסטאַנצן דעם טשאַרלסטאָן!

און כאָטש דאָס ספרדים־בלוט פון זיין עלטער־זיידן
וועקט אין אים דער סאַקסאָפאָן —
איז נישט „כל נדרי” און „לכה דודי”
דער ניגון פון יענקי און יידישן באַראָן.

י) די מאַמע

דער כלהס מאַמע, אין אַ שלעפּ לויט דער לעצטער מאָדע,
זיצט אַ צונויפגעדרייטע, ווי איר לעבן וואָלט זיך געשעמט.
ווי אין חלום וויגט זיך פאַר איר דאָס גדלות און דער גלאַנץ,
און ווי אין אַ מעשה־ביכל וואָלט עס פאַרגעקומען אַלץ.
זי האָט אַוועקגעגעבן איר לעבן דאָס ביסן ברויט צו פאַרדינען
ביי פּעדערן האָט זי איר יונגע שיינקייט אויף פוך צעפּליקט.

אָט טראָגט זי זיך אַוועק אין אַ נאַכט אַ הייסער:
דער תמוז האָט אומברחמנותדיק געברענט,
די לבנה איז מיט אַ רחמים־פּנים אַרויסגעשוואומען,
און זי האָט דעמאָלט גאָט דערקענט.
דער „דזשאָנק" איז געלעגן אין אַ גרויסן לאַגער,
פאַר מיילן האָט זיך הייליק ערד געשפּרייט.
איר שטעטל שלאָפט אויך אונטערן ברוקלינער הימל.
די מצבות, ווי אַ שטומער וואַלד —
און איבער דעם האָט לבנה איר ליכט געזייט.

דאָס בערגל אַלטוואַרג איז פאַר איר הויך געוואָקסן.
אָט גרייכט עס שוין צו ווייטן סיני באַרג.
דערווײַלע וועט זי אויך אַ זיסן דרעמל כאַפּן
אויפן סאַמע שפּיץ פון אָפּגעהיטן אַלטוואַרג.
זי הערט זיך איין צום ריח פון דעם זשאַווער,
דאָס אייזן איז הייס פון טאָג און אָנגעגליט.
זי דריקט זיך מיטן גוף צום אַלטן אייזן,
וואָס נעמט ווי אייגנס איין איר גוף,
און ווי אַ שטויבעלע טוט זיך איר לעבן רייסן
צום הימל אויסגעשטערנטן אַרויף.

ווי אַ צעבושעוועטע כוואַליע גיט זיך דער דזשעז אַ ריס,
עס טוט זיך אַ ריר אַ וואַלד. עס האָפּקען פּיס.
און אָט שטייט איבער איר געבויגן דער מחותן,
ער בעט זי גיין צום טאַנץ...
דער חלום אירער שווימט אָפּ ווייט אין אירע בלוטן,
און ווי אַ שולדיקע און פאַרשעמטע,
גייט זי אַנטקעגן דעם מחותן אַ חתן־כלה טאַנץ.

יא) דער לעצטער טאַנץ

עס טאַנצן מאַמעס מיט שווערע הענט און שווערן האַרצן.
עס טאַנצט דער יידישער יאַריד
פון אָרטשאַרד און פון עסעקס און פון העסטער.
מיט לעצטן אָטעם שטופּט זיין פּושקאַרט אַ פאַרהאָרעוועטער ייד,
מיט כריפּעדיקן האַלדז פאַרקויפט ער
רעק אַלטפרענקישע, פאַרזעצטע הויזן, אַלטע שיך און העמדער,
זשופּיצעס, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
דאָס געשריי פון אַלע לענדער,
און אפילו דעם גראָשענעם עלנט פון אַן אַלטן טאַטן...

עס טאַנצט, מיט לעצטן אָטעם טאַנצט אַ ייד —
ער טאַנצט אויף פליגלען פון אַן אויסגעחלומטן גן־עדן.
פון אַ הייזעריקן האַלדז זינגט ער אויס זיין ליד:
ב אַ י ק ע ש ! ב אַ י ק ע ש !
ער צאָלט מיט גאָלד פאַר שטיקער אָפּגעטראָגן לעבן;
פאַר אַלטן צין, פאַר בליי, פאַר קופּער און פאַר מעש.

עס טאַנצט אַן אויסגעדאגהטע, צעפלאָגטע מאַמע,
זי הויבט די שווערע פיס ווי אין אַ חלום בלויז.
די קינדער אירע שעמען זיך מסתמא,
און האָבן פאַר איר קיין אָרט ניט אין זייער מאָדיש הויז.
אין קעלערדיקן תהום האָט זי געלאָזט די יאָרן אירע פוילן:
פאַרקויפט האָניק, בעזימער, געפליקטע פעדערן,
און פון גענדז דעם קלאָרסטן פוך.

עס ווימפּערן פידלען,
עס פאַרגייען זיך וויאָלן.
אַ וואוילער יונג וואַרפט זיינע פיבערדיקע גלידער אין אַ דזשיג.
ער שליידערט ווילד די פיס,
און זינגט צום טאַקט אַ ליד:

„ביי מיר ביסטו שיין,
לעט מי עקספּלעין".

עס טאַנצן אַלע.
אינדערמיט — דער חתן מיט דער כלה.
די סאַרוועוערס, אין ווייסע הויבן, טאַנצן מיט.
מיט באַנומענע קולות שרייט אַ ייד:
ער וויל טאַנצן אַ שער,
אַ היימישן, און טאַקע תיכף!
ער טופּעט ווי אַ בער,
און האַפּקעט צום ניגון פון „ונתנה תוקף".

אַלץ האָפּקעט מיט:
דער דיל, די בליצנדיקע זשיראַנדאָלן און אפילו דער סופיט.

די פידלען פליקן פון זיך דאָס חיות,
דער פּייפּיאָל ציט הויך זיין האַלדז,
און אָן לאַנגע שהיות
קלאַפּט מען אויף דעם יידישן נאַציאָנאַל:

„עוד לא אבדה תקותנו,
התקוה הנושנה — — —"

אַלע בלייבן שטיל,
ווי צוגעשמידט צום דיל.
דער פייפיאָל ווײנט ביטער,
און ניכטערט די אויסגעיומטובטע געמיטער.

יב) מען זעגנט זיך

עס יאָגט דער זייגער שעה נאָך שעה.
די נאַכט, ווי טוי אין זון, פאַרשווינדט.
דער מאָרגן מיט זיין בלאָ איז דאָ,
מיט דאגות יעדערן פאַרבינדט.

מחותן שטייט קעגן מחותן,
דער כלהס טאַטע בויגט הכנעהדיק זיין קאָפּ,
כאָטש דער טייסטער זיינער
קאָן פול מאַכן מיט רענדלעך גילדערנע ניט איין טאָפּ.
דעם חתנס טאַטע, דער מיוחס, שטייט אויסגעצויגן
מיט צילינדער־הוט אין האַנט.
מיט גאוה פון אַ יחסן אין די אויגן,
פרואווט נויגן זיין קאָפּ פאַרן גביר דעם אימיגראַנט.

עס האָלדערט די פויק,
עס וויינט די פּלייט.
די נאַכט האָט מיט דעם טאָג זיך געשיידט,
די שמחה — פון דער פרייד,
די טישן, מיט שיריים, ווי פאַרשעמט,
די מחותנים — אויסגעניכטערט און פרעמד.

מען זעגנט זיך אויף גיך,
און יעדער טראָגט אַהיים
די אויסגעטאַנצטע ליכטיקייט מיט זיך.

אינהאַלט:

אַלע טאָג

דיינע טריט — 5
אין גרינע פלאַמען — 6
אַנטקעגן ווינט — 8
אויפן קראַנקן בעט — 9
די ביימער הערן — 11
שטום מיין צונג — 13
די זון איז אַזוי נידעריק געפאַלן — 14
תהו ובהו — 16
מיין פאָלק — 18
קין, הער — 20
גאָט — 23
דעם הימל אַנטקעגן — 24
זאָל אויפגיין אויך דיין יידיש ליד — 26
מאַמע — 28
טאַטע — 30
גורל — 35
דיינע ליבסטע יאָרן — 36
דו — 37

געבורט

א) ניין חדשים — 41
ב) געבורט — 59
ג) שפיטאָל:
צו שפעט — 69
איך בין אויך פון שגעון אַ גליד — 70
אַ מענטש שטאַרבט — 71
נאַכט — 73

טריט אויף דער ערד

חלום פון ערד — 77
אברהם משה דילאָן — 79
אַ בריוו — 81
מיין ליד — 82
אַ מעשה — 83
דער גריל — 85
איוב — 87
דער גאַסט — 88
מיין קינד — 89
שיך — 91
באָבעס וויג־ליד — 93
צוויי יידישע יעגער פון בראָנזוויל — 96

מיין גאַס

עס זינגט מיין גאַס — 103
לינטש — 105
לעצטער צער פון די גאוואהאָ ברידער — 107
איך בין אַ ייד — 109
דער ספינקס — 112
האָניק פון בירעבידזשאַן — 114
קאַדיש — 116
דאָס כינעזערל וואַן־פו — 118
אין טעג פון הונגער — 120
קריג — 122
יוניאָן סקווער — 124

דער ניו־יאָרקער גביר מאַכט חתונה זיין טאָכטער:

דער גביר, דער טאַטע, מאַכט חתונה זיין טאָכטער — 128
רבי סענדערל — 129
די באָבע חנה־צירל דערציילט נסים — 131
געגרייטער טיש — 133
דער גביר, דער טאַטע — 134

דער רב ר׳סענדערל און ראַבאַי שטערן — — — — — — — — — 135
אַ גרוס פון פשעמישל — — — — — — — — — — — — 137
די כלה — — — — — — — — — — — — — — — — 139
דער חתן — — — — — — — — — — — — — — — 141
די מאַמע — — — — — — — — — — — — — — — 142
דער לעצטער טאַנץ — — — — — — — — — — — — 144
מען זעגנט זיך — — — — — — — — — — — — — 147

פון זעלבן מחבר:

פּאָסן ליכט — אַ קינדער־וועלט אין פינף בילדער — פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג".
אין טאָל — קינדערשפּיל אין דריי בילדער — פאַרלאַג „אידיש".
אין שעהן פון ליבשאַפט — לידער און פּאָעמעס — „ווילנער פאַרלאַג"
פון ב. קלעצקין
אַלע טאָג — לידער און פּאָעמעס — פאַרלאַג „ערד און היים".